STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09747

DOS FOLK IZ DO

Bracha Kopstein

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ברכה קאָפּשטיין

דאָס פֿאָלק איז דאָ

לידער

ניו־יאָרק, 1951

לידער-ביכער
פון ברכה קאָפּשטיין

שטאַרק בין איך, 1939
זינג מיין האַרץ, 1945 } צווייטע אויפלאַגע 1946
דאָס פאָלק איז דאָ, 1951

Copyright, 1951
by BROCHE KOPSTEIN
New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK 363

בילד פון דער דיכטערין,
שער-בלאַט,
קעפּלעך פון אָפּטיילונגען
געצייכנט פון
ש ל מ ה   ל ע ר נ ע ר .

דאָס פאָלק איז דאָ!

כ'וויל אַ ליד פון ארץ שרייבן
און עס שטומט מיין וואָרט,
ווייל לידער זינגען דאָ אַרוים
פון יעדן אָרט.

כ'וויל מיין פרייד אויספרייען
און כ'ווייס ניט ווי אַזוי;
ס'איז מיין פרייד געמישט מיט ווייען,
ווי ס'גלאַנצט די זון אין ארץ אויפן טוי . . .

איך וויל דאָס פאָלק געפינען
און ווייס ניט וואו,—
דאָס פאָלק איז דאָ אין וואָך
און אין זיין יום־טוב־רו.

דאָס פאָלק איז יונגע צווייגן,
דאָס פאָלק איז שטאַרקער בוים;
באַפליגלט איז מיין שווייגן
מיט דעם גאולה־טרוים . . .

דאָס פאָלק דאָ שפּראָצט כסדר
אויף דער ברוינער, אויף דער געלער ערד,
און איז אין די ווייס־צעהאַקטע שטיינער
וואָס ליגן האַלב־צעשטערט . . .

דאָס פאָלק איז אין געזאַנג פון טראַקטאָר,
אינעם שווייגן פון חלוץ ביי דער ראָד;
דאָס פאָלק איז
אייביק, לעולם ועד.

ברכה קאָפשטיין

ערב גאולה טעג

דער פרימאָרגן נאָכן זיג

(„ווי־דזשיי־דעי")

„זה היום שקוינו לו, נגילה ונשמחה בו"

עס שלאָפט די שטאָט, עס רוט די וועלט.
זי חלומט אַ חלום אַ גרויסן.
ס'האָט דער קריג זיך אָפּגעשטעלט —
דערציילט די שטילקייט אין דרויסן.

ווי נאָך אַ שלאַכט די זיגער,
רוען די שטיינער אין גאַס.
יעדער הויז — אַ מידער קריגער,
די פענצטער קוקן בלאַס . . .

ס'שווייגט די לופט, איר אָטעם רעדט:
„ס'וועט אַזאַ נאַכט אין דער געשיכטע אריין."
דער קילער ווינט די ברעמען גלעט:
„נאָך אַזאַ נאַכט — זאָל מער ניט זיין!"

עס קוקט דער הימל האַלב־פאַרשלאָפן,
ער ווישט די אויגן אויס אַצינד.
ס'איז יעדע כמאַרע — אַ ים מיט האָפן,
די בלויקייט — אַ ניי־געבוירן קינד.

פאַר יעדן קינד וואָס איז אומגעקומען —
די שטילע פרייד וועט צען געבערן.
פאַר איטלעך לעבן, וואָס טויט האָט צוגענומען,
וועלן נייע לעבנס זיך פאַרמערן.

ס'איז איצט די ערד אַ יונגע מאַמע,
אַ געווינערין, וואָס שעפּט מיט כוח זיך אָן.
צו שרייבן פאַר דער וועלט אַ נייע גאַמע,
פאַרן לעבן — אַ נייעם טאָן.

און דער האָדסאָן ביי מיין פענצטער
פליסט קיל און רואיק ווי כסדר.
ער וויסט פון שלאַכטן, גרעסטע, קלענסטע,
דעם סוד פון נאָכדעם, און פון איידער . . .

זיינע ברעגן, די געטרייע דינער,
היטן זיינע אוצרות איין.
און די כוואַליעס, זילבערנע שפינער,
שפינען נאָך אַ זיג אַריין . . .

ס׳קומט די זון אַרויס פון ווייט,
קוקט זיך צו מיט שמייכל.
דאָס ניי־געבוירן קינד רופט זי:
„צייט פון שלום און פון שכל״.

פון אַזאַ פרימאָרגן כ׳בין אַן אַלטער עדות,
מיין האַרץ אַ טראָפּן איז אין ים.
כ׳הער אַ שטים פון מיינע זיידעס
וועגן דער שלאַכט דער אייביקער פון מיין שטאַם.

וועגן דעם ליכט וואָס זיי האָבן דער וועלט געגעבן,
דורך אַלע דורות ס׳האָט געשיינט.
מענטש הייסט דאָס, און אייביק לעבן,
דאָס איז דער נאָמען אויבעט היינט.

עס שלאָפט די שטאָט, עס רוט די וועלט.
זי חלומט אַ חלום אַ גרויסן.
ס׳האָט דער קריג זיך אָפּגעשטעלט —
דערציילט די שטילקייט אין דרויסן.

ערב-גאולה-טעג

ערב גאולה-טעג —
איר סמט דאָס בלוט מיט אַ זיסן פּיין —
אַפילו אַ זעמדעלע אין וועג
זינגט מיט אייביק זיין . . .

אַלע גראַמען, אַלע רייד,
גליווערן און ברענען
מיט אַ פרייד,
שטאַרקער פון אַלע ווענ׳ען.

אַלע בראשיתדיקע געזאַנגען,
דורך דורות געשאַפן —
בלייבן אונטער ישעיהס קלאַנגען —
פון „והיה באחרית הימים״-סטראָפן . . .

אַלע חושים, ניכטער — שיכור, —
שלינגען איין די טעג אינאיינעם מיטן שטורעם.
יעדע שעה — אָטעמט מיט עיקר.
יעדע מינוט — קומסטו אָן צום טורעם . . .

ווילסט דעם סאַמע שפּיץ דערגרייכן, ניטאָ קיין צעווישן.
אין לעצטער מידקייט — אַנידערפאַלן דערנעבן —
מיטן מאָרגנשטערן זיך צעקושן,
אויפן גאַנצן לעבן . . .

ש ט י ל

שטיל —
ס'רעדט דער יום-טוב
אָנגעטאָן אין ווײַס-בלויען קלייד.
ס'זינגט דער טאָג
די אויסדערוויילטע כלה-פרייד!

שטיל —
ס'קוועלט דאָס בלוט
אין אַלע צעלן פונעם גוף.
ס'הערט די גאולה
אונדזער אויסגעבענקטן רוף.

שטיל —
ס'טאַנצט דאָס גליק
אויף גאַסן פון גראַניט.
ס'רעדט די שטים
פונעם אייביקן איד.

שטיל —
ס'קומט דער דור פון טרעבלינקע און לובלין
איינזאַמלען די אוצרות
פון צוויי טויזנט יאָר
אין די בערג פון ציון!

ווי הייסט זי, די וועלט?

וױ הייסט זי, די וועלט, וואָס מיינט אַז זי האָט
אַ חזקה אויף מיר, אויף מיין פאָלק, אויף מיין לאַנד? —
אַז זי קאָן ניט אפילו איר אייגן געבאָט
מיט ווירדע האַלטן אין האַנט.

וואָס לאָזט זי אַזוינס מיר צו הערן,
די וועלט? — ווי זאָל איך גלויבן איר מויל?
אַז הייסער פון מענטשלעכע טרערן —
איז ביי איר קאַלט-קלעפּיקער אויל . . .

אָט לאַכט שוין מיין שונא ווידער אַמאָל:
וואָס באַדייט זיין געלעכטער?
צי פרייט זיך אויך — אויפן קול —
אַזוי דער גערעכטער?

ווי זאָל איך פאַרשרייבן אין איין ריי די נעמען
פון „לויטערן שבת", און „פינצטערן פרייטיק"? —
און ניט דאַרפן דערנאָך פאַר די דורות זיך שעמען
מיט מיין נישטיקן קליינלעכן ווייטיק?

איך — אַ גאַסט ביי דער וועלט אויף די שוועלן, —
אַ שנירעלע חלום, אַ טראָפּעלע טוי, —
וועל צוקאָפּנס דעם חושך אַ ליכט אַוועקשטעלן
לזכרון: — „געווען איז אַזוי . . .

„אין ברירה"

(ישראלס געהיימער וואָפן)

אײן וואָפן מיר פאַרמאָגן,
און אין האַרצן אים מיר טראָגן
בויען, קעמפן און ווייטער בויען, —
ווייזן דער וועלט אונדזערע וויאַזויען!

שונאים וואַרפן אָן אַ שרעק,
מיר — קלאַפּן מיט האַמערס צו אַ צוועק . . .
שרייפן שרייפּעלעך אין שטאָל, —
שטעלן געצעלטן אויף אין טאָל!

שונאים האָבן פּרדסים פאַרברענט,
מיר — צעגיסן פרישן צעמענט, —
שטעלן אויף שטאַנגען, פיר ווענט,
מאַזאָליעם קוועלן אויף די הענט . . .

שונאים טוען אונדז בייזע ווייען,
מיר — פלאַסטערן שאָסייען, —
טראָגן שטיינער און צעקריצן,
גלייכן אוים פון בערג די שפּיצן.

שונאים היטן אונדזערע ברעגן,
מיר געפינען נייע וועגן.
אויף די ימים, איבער טיפן, —
פירן מיר, און ברענגען שיפן!

שונאים רייסן, טוען שאָדן,
מיר — פאַרפלאַנצן נייעם באָדן.
מיט דער זריעה, ביי דעם שניט, —
גייט אויף מיט זאַנגען אונדזער ליד . . .

שונאים שטוינען און זיי גאַפן, —
וואָס עקשנים קאָנען שאַפן!
אַ מלוכה אויף דער וואָר, —
און אַ איד וואָס שלאָגט זיך גאָר . . .

שונאים טראָגן אויף אונדז פאַרדראָסן,
מיר ווייסן די פאַרוואָסן:
זייער גאַנג איז צו פאַרניכטן,
אונדזער דראַנג איז אויפצוריכטן. —

איין וואָפן מיר פאַרמאָגן,
און אין האַרצן אים מיר טראָגן:
בויען, קעמפן און ווייטער בויען, —
ווייזן דער וועלט אונדזערע וויאַזוויען!

די באַלאַדע פון עלף ישובים

. . . און אַט, וואָס פאַרלאָפן איז זיך אין איינער אַ נאַכט,
ווען ס'האָבן אידן עקשנים עפּעס פאַרטראַכט:

עלף היימען אין נגב — עדות וואָס שווערן:
זיין וועט ישראל „ווי שטערן

און זאַמד ביי דעם ברעג פונעם מער", —
מעג ווי ווייט זיין דער גאַנג, און ווי שווער . . .

:: :: ::

. . . און גיין וועלן די יאָרן ווי זיי זיינען געגאַנגען,
אויפלעבן וועלן תמיד נייע פאַרלאַנגען.

וואַקסן וועלן קינדער, שטאַרבן וועלן זקנים, —
געדענקען וועלן דורות די נאַכט אַט־די איינע,

ווען ניט געפּויקט האָבן טאַצן, ניט געוועקט האָבן גלאָקן,
שאַקאַלן אין מדבר האָבן קיינעם געשראָקן.

קיין האָן האָט ניט געקרייט, קיין הונט האָט ניט געבילט, —
געשפּרייזט האָט בטחון, און אין צויבער פאַרהילט

די שטאָט מיט די הייזער, דעם באַרג און דעם טאָל,
און געפורעמט אַ פורעם פון כישוף און שטאָל!

געגאַן איז די מחנה — ווי מיט פליגל געפלויגן, —
פאַרטונקען אין זאַמד — דעם בליק פון די אויגן . . .

קיין וואָרט ניט צו ריידן, גאָרניט צו זאָגן,
געוואוסט האָבן אַלץ שוין די רעדער פון וואָגן.

קיין קלאַנג ניט, קיין ספק, קיין פרעגן, —
פאַרענטפערט האָבן אַלץ שוין די היימישע וועגן.

„נאָר די נאַכט ניט פאַרזאַמען — ס'זאָל דאָס טעגלעכע ליכט
ניט, חלילה, אַ שיין טאָן צו פרי אין געזיכט . . ."

:: :: ::

ס׳האָט קיינער ניט געזען נאָך אַזוי דעם בטחון
יום-טובדיק אָנגעטאָן אינמיטן דערוואַכן.

ס׳האָט קיינמאָל ניט געפילט אַזאַ געטלעכן גלעט
די זעג מיטן האַמער, די שרויף און די ברעט.

ס׳האָבן קיינמאָל ניט פאַרנומען אייזערנע שטאַנגען,
אין אַזאַ מין שטילשווייגן — אַזעלכע געזאַנגען . . .

ס׳האָט נאָך קיינמאָל די ערד ניט געפילט אַזאַ כישוף:
אַז איבער נאַכט זאָל אויף איר אויסוואַקסן אַ ישוב . . .

:: :: ::

און ווען ס׳האָבן מענטשן, שטילע ווי שאָף,
דערוואַכט פון זיסן געטלעכן שלאָף, —

און „קלוגע לייט מיט עפּאָלעטן״ —
זיינען שוין פאַרקלערטע געזעסן אין קאַבינעטן,

געזוכט אין די ביכער „לעגאַלע באַווייזן״ —
אַז ס׳קאָנען די פעלדער „פרעמדע״ ניט שפּייזן, —

האָבן אידישע בויער, ווייט אינעם טאָל,
שוין געזונגען אַ ליד הויך אויפן קול . . .

דער טאָג איז מיט קושן אויפן האַלדז זיי געפאַלן,
עס האָט זיי די זון אָפּגעגאָסן מיט שטראַלן.

בעדואינער האָבן פריש וואַסער געבראַכט אין די קרוגן,
בענטשונג און לויב זיי אַנטקעגן געטראָגן.

אויגן האָבן געשטראַלט, מ׳האָט זיך געפרייט,
אַ ראָד, ווי אַ ווינט-מיל, האָט זיך געדרייט, —

אַקסל צו אַקסל, הענט אין אַ קראַנץ, —
איז מען אַוועק מיטן טאָג אין אַ האָרא-טאַנץ . . .

איך האָב געטאַנצט

(ביי דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל)

ניט דעם בערן-טאַנץ
פון מיינע זיידעס,
צום געקנאַל פון בייטש, —
האָב איך היינט געטאַנצט!
נאָר דעם גרויסן טאַנץ
פון מיין דור,
וואָס האָט דערלעבט
צו זען זיין חלום
ווערן וואָר!

דעם חלום-טאַנץ
האָב איך היינט געטאַנצט!
איך — אַ צווייגעלע
פון אַלע ביימער
פאַרוואָרצלטע אין ערד, —
תמיד גרייט אַראָפּגעהאַקט
צו ווערן
פון דער שווערד . . .

איך — אַ זעמדעלע
צעוואָרפן איבער אַלע וועגן,
האָב צום גרונט
פון ים זיך דערשלאָגן,
איינמאָנען מיין פאַרמעגן!

און ס'האָבן די כוואַליעס
מיך אַרומגענומען,
היים געקושט . . .
געווישט דעם קאַלטן שווייס
מיר פונעם שטערן,
געגלעט די וואונדן
פון צוויי טויזנט יאָר,
און געזאָגט:
מיין קינד, — ס'איז וואָר!

אָ, גאָט, גיב מיר כוח
צו געדענקען נאָר,
און טראָגן די פרייד
פון גאולה-טאַנץ
העכער אַלע דעכער,
וואו קנוילן רויך
פון פאַרברענטע אידן,
האָבן אין בלויע הימלען
אויסגעברענט
שוואַרצע לעכער . . .

איך וויל קאָנען זיך צעצאָלן
מיט די דורות
פאַר דער זכיה, וואָס מיר —
אַ פּעדעמל אין זיידענעם געשפּין, —
מיט בלוט פון קדושים באַפאַרבט, —
איז געווען באַשערט
פירן צום טאַנץ
דעם אני מאמין!

צום ווינט

ווינט, דו ווינט — געטרייער ווינט,
קום, זיי אַ חבר מיר אַצינד.
קוש מיר אוים די וואונדן,
כ׳בין מיט ליידן אָנגעצונדן.

ווינט, דו ווינט — ווייטער ווינט,
כ׳בין אַ גרעזל דיינס אַצינד.
בייג מיך, נער מיך מיט דיין גבורה,
און פאַרוויג מיך מיט אַ בשורה —

ווינט, דו ווינט, פון נייעם לאַנד,
ווי אַ ברודער נעם מיין האַנט,
פיר מיך איבער דיינע רוימען
און צעריים אין מיר די צוימען.

ארץ

מיין לאַנד

ביסט, מיין לאַנד, יונג און אינגער
פון יעדער אַנדער לאַנד.
די רוימען דיינע — אויף די פינגער
קאָן מען ציילן פון איין האַנט.

ביסט, מיין לאַנד, נאָך ווי אַ קליינע ציג,
וואָס שפּרינגט אַרום אין פעלד.
און דאָס פאָלק — אַ קינד אין וויג,
וואָס פּרעפּלט און וואָס קוועלט.

ביסט, מיין לאַנד, ווי אַ כלה,
חנעוודיק, און אין פולן גלאַנץ.
מחותנים דיינע — ברידער אַלע —
טאַנצן מיט דיר דעם חופּה־טאַנץ.

כאָטש נאָר אויף איין שעה

(צו דער באַערדיקונג פון דר. הערצלס ביינער)

קום אַרוים כאָטש נאָר אויף איין שעה,
ווייז אונדז דיין קלוגן שמייכל,
און מיר — וועלן דיר ווייזן דיין נבואה . . .
רייב די אויגן אוים פון דרימל,
און זע: עס שטייען אידישע גיבורים לעבן דיר
מיט נאַקעטע שווערדן קעגן הימל!
עס ליגן דיר צופוסנס
פרישע רויזן
פון פרייער ערד געריסן . . .
עס שטראָמט צו דיר —
אין בלוט און פלייש
דיין חלום אָנגעטאָן, —
און ער ברענגט דיר
„אויף אַ גאָלדענער טאַץ די מדינה"!
ער שטעלט אַוועק זי דיר צוקאָפּנס, אויבנאָן, —
צוגעדעקט מיט בלויען פלאַטער פון דער פאָן . . .

די הרי־יהודה זיינען היינט אַזעלכע שטילע,
זיי וואַרטן אויף דיר מיט טויזנט גרינע חנען.
זיי שלענגלען העכער זייערע קעפּ צום הימל,
און זיי טוען תפילה!
זיי דאַנקען גאָט היינט פאַר דעם טאָג
וואָס זיי איז באַשערט געווען דערלעבן:
דיינע ביינער —
אויסמישן מיט זייערע שטיינער . . .

הייליקער וועט ווערן די שטאָט ירושלים,
און פרוכטבאַרער די ערד . . .
בלויער וועט דער הימל זיין, —
און פאַרמערן וועלן זיך אין אים די שטערן!
ווי אַלטער וויין צום גומען —
וועט אין די דורות אַריינקוועלן דיין נאָמען!

קום אַרויס, דו נביא, נאָר אויף איין שעה,
און זע: אויף דער שמחה — ווער עס איז היינט דאָ!
די פאָן אין אונדזערע הענט איז דאָ!
די שפּראַך אויף אונדזער צונג איז דאָ!
די פרייד אין אונדזער האַרץ איז דאָ!
דער נצחון, — דער גלויבן איז אינגאַנצן דאָ!

גיבורים אונדזערע זיינען דאָ!
נייע — בראַווע — פירער —
„דיפּלאָמאַטן, חברי־הכנסת" — זיינען דאָ!
אידן — אַלערליי אידן זיינען דאָ!
קינדער אונדזערע,
שוואַרצע און בלאָנדע קינדער זיינען דאָ!

קום אַרויס כאָטש נאָר אויף איין שעה, —
און זע ווער עס איז נ י ט אָ !
דער פּחד איז ניטאָ!
דער וויי און דער בזיון איז ניטאָ!
דער האָרב און די הכנעה איז ניטאָ!
דער ש ו נ א איז ניטאָ!

מ י ר זיינען דאָ!
א י ן די בערג און א ו י ף די בערג, —
ביי אונדז אין דערהיים זיינען מיר דאָ!
קום אַרויס און זע די אידישע שווערד, —
די — וואָס האָט אויסגעקעמפט די ערד!
קום און קוש די קינדער דיינע אויפן שטערן,
וואָס זיי האָבן דיך, חלילה, ניט פאַרשעמט
אין זייער גורל־טאָג, דעם שווערן . . .

קום אַרויס און באַפריי די מאַמעס פון די וואונדן,
וואָס זיי האָבן זיך מיט טויזנט שטריק
דאָס האַרץ פאַרבונדן, —
און זייערע קינדער אינעם קאַמף געשיקט!
קום אַרויס און זע די טרערן
וואָס זיינען אין די אויגן געבליבן דערשטיקט . . .
קום אַרויס כאָטש נאָר אויף איין שעה —
און זע: —
אינעם גרויסן טאָג פון זיין געשיכטע. —
דיין פאָלק איז דאָ!

דער הימל אין ישראל

דער הימל אין ישראל איז אַ בלויער,
פאַרחלומט און פאַרטראַכט.
ווייל ער האָט ניט ליב קיין טרויער,
מאָלט ער זיך אויס אַ העלע נאַכט.

דער הימל אין ישראל איז צופרידן,
דער הימל איז ניט ברוגז,
ווען עס קומען אָן נייע אידן,
אַ שטילע טרער ער ווישט פון אויג אויס . . .

דער הימל אין ישראל שמייכלט ליכטיק,
פון ליידן טיף געליטערט.
יעדער איד איז אים וויכטיק,
איצטער און אויף ווייטער.

דער הימל אין ישראל איז אַ חבר,
ער קאָן דעם שונא און דעם פריינט!
און ווער ס'איז אין קאַמף אַ בראַוווער,
פאַר זיין מזל ער שיינט . . .

דער הימל אין ישראל איז אַ גוטער,
ער האָט ליב די קינדער זיינע אַלע גלייך!
ער דעקט זיי איין מיט ליבשאַפט, ווי אַ מוטער,
און רעדט צו זיי אויף אַ ליכטיקער שפּראַך!

כנסת הראשונה

כ׳קאָן דיך ניט באַזינגען,
כ׳קאָן דיך ניט באַשרייבן:
כ׳קאָן נאָר ווי אַ שימער
אין דיין ליכט פאַרבלייבן.

כ׳קאָן דיך ניט באַשרייבן,
כ׳קאָן דיך ניט דערפילן, —
צופיל גלות־יאָרן
אין מיין בלוט נאָך שפילן.

כ׳קאָן דיך ניט דערפילן,
כ׳קאָן דיך ניט באַרירן, —
ס׳פירט די שטילע ברעם נאָך
דאָס אויג צו פרעמדע טירן.

כ׳קאָן דיך ניט באַרירן,
כ׳קאָן דיך ניט דערהערן, —
כ׳קאָן דיך שטיל אַרומנעמען,
קושן נאָר מיט טרערן.

כ׳קאָן דיך ניט דערהערן,
כ׳קאָן דיך ניט דערזען,
כ׳ווייס ניט ווי צו רופן
דעם נס וואָס איז געשען.

כ׳קאָן דיך ניט דערזען,
ביסט אַ טרוים געהילט אין טרוימען;
כ׳קאָן נאָר אויף די וועגן
קלייבן דיינע זוימען . . .

אָ וואונדערלעכער טאָג

(צו דר. ווייצמאַנס 70סטן געבוירנטאָג)

אָ, וואונדערלעכער טאָג —
כ'האָב היינט געזען
ווי דו האָסט דיין פרייד
אין לופט אַרויסגעשאָסן!
אַ לויטערן קאַפּיטל פאַרצייכנט —
און ניט געשלאָסן!

:: :: ::

עס האָט דערלעבט דעם כבוד,
אין מיין דור,
אַ איד —
מיט פייער ווערן אָפּגעגאָסן
צו זיינע זיבן צענדליק יאָר.

ניט צו שרעקן אים, חלילה,
ניט צו שטראָפן,
האָבן ביקסן היינט געקנאַלט;
אויפמישן נאָר אַ בלאַט געשיכטע,
וואָס וועט גיין אינעם פאָלק
און ניט ווערן אַלט . . .

פונקט ווי דאָס פייער
האָט געשפריצט
און צום הימל געטראָגן דעם רויך,
אַזוי האָבן זיינע מעשים
פון חכמה מיט כוח
די וואָר דורכגעבליצט
און וואָרצלען טיפע
אין לעבן געשלאָגן!

לויכט היינט העל די פאָן,
און ס'זינגט דאָס לאַנד
אַ לויב דעם זון,
וואָס האָט דערלעבט
די „אויסגעבענקטע שעה"!
און דער דיכטער הירשקע גליק —
דער טויזנט-טויזנטסטער
פון זיין געשיכטע —
איז אויף דער שמחה אויכעט דאָ, —
צו זען די ערד אַן אויפגעריכטע . . .

:: :: ::

אָ, וואונדערלעכער טאָג,
כ'האָב היינט געזען
ווי דו האָסט דיין פרייד
אין לופט אַרויסגעשאָסן,
אַ לויטערן קאַפּיטל
נאָר פאַרצייכנט —
ניט געשלאָסן!

אויפן וועג קיין ירושלים

עס ווערן שווער דיר די טריט, —
און שטום
ווערט דאָס וואָרט פאַר דיין ליד —
ווען שפאַנסט איבער
פון באָמבעס די גריבער . . .

פאַרזשמורעסט די אויגן,
ווען דו זעסט
ווי עס ליגן דראָטן געצויגן,
אין דער לענג,
אין דער ברייט,
פאַרשטויבטע, פאַרזשאַווערטע,
ווי טויטע גערעדים —
און זאָגן עדות:
דאָ — זיינען געפאַלן חברים . . .

ווערסט טרויעריק,
עס ציט זיך דיין נאַקן צונויף.
דו פילסט ווי דיין אָטעם
ווערט אויך אַ פאַרזשאַווערטער שרויף . . .

דיין קני נעמט זיך בויגן
אָט ברעכט זי זיך איבער . . .
ציטערסט —
עס זאָל ניט, חלילה,
דיין פוס איצט באַטרעטן
די גריבער מיט אויטאָ סקעלעטן . . .

דו ציילסט די אבלים:
אַ צעבראָכענע קליאַמקע,
אַ צעברענטע טיר, —
און דו טראַכסט:
צי ליגן אויך דאָ ניט אברים טויטע פון דיר?

פאָרסט ווייטער, —
דו זעסט ווי די וועגן זיך שפרייטן
פרייער און ברייטער.

בערג איבער בערג נעמען שטייגן,
מיט אָדלערשן שווייגן . . .
און פלוצלינג —
ווערט לויטער דאָס ליכט דיר
און קלאָר, —
אַז ווייטער און טיפער
אַריבער די גריבער
איז דאָ אויך אַן אַנדער וואָר . . .

בערג אין די בערג נעמען שווינדן
אין דער הויך, אין דער נידער.
פינטעלעך ליכט
נעמען טאַנצן און צינדן, —
און ס׳דוכט זיך
צום לעבן עס שטייען איצט אויף
אַלע פאַרברענטע, פאַרזשאַווערטע גלידער . . .
פילסט ווי אויך דו — דורך זיי —
ווערסט אויף ס׳ניי איצט געבוירן.
דו הערסט ווי מ׳רוימט דיר שטיל אין די אויערן:
און אפשר איז דער קרבן געווען כדאי? . . .

אויף די וועגן —
מיט הייליקן ציטער דאָס ליכט
טאַנצט דיר אַנטקעגן.
פילסט ווי דאָס פייער פון ירושלים
נעמט דיך אַרום, דו נעמסט גליען . . .
אַזוי פול איז דיין האַרץ איצט פון גליק,
אַז דו צוימסט שוין דיין בליק
ניט צו זען דעם וואונדער . . .

אַלץ נעמט אַצינדער
אין דיר בעטן און קניען, —
וואָלסט וועלן
שטיל ביי די שוועלן
דאָ בלייבן אויף אייביקע יאָרן, —
און פאַר די דורות
פון דיין פריידיקן ציטער און פלאַטער —
לאָזן אַ פונק לזכרון . . .

צופוסנס דעם גלבוע

(י. חרודין — א מתנה)

צופוסנס גרינען אים די פעלדער,
פון ווייטנס בליען אים די וועלדער.

פון נאָענט שמעקן אים די צוויטן,
און אים אַליין צעקאַרבן טויזנט שניטן!

ריטשקעלעך און פּאַסיקלעך — יאָרטויזנטער געשיכטע.
בערג אין בערגעלעך געפלאָכטן, שיטערע, געדיכטע.

פאַרשאָלטענע, פאַרטרוקנטע, פאַרלאָזענע,
פון שטורעמס ווילדע — צונויפגעבלאָזענע.

פון האָגל און פון זון פאַרקווילטע,
מיט רעגן דורכגעווייקט, פאַרפּוילטע,

ליגן זיי אים שטעמפלדיק אויפן רוקן
און צום הימל גלאַט אַזוי זיי קוקן . . .

וויפיל יאָרן אַזוי רוען זיי און שלאָפן,
צי פאַרגעסן אויף גאולה שוין צו האָפן?

וויפיל יאָרן די גלידער שוין ניט אויפגעוועקט,
ווייל יאָך און מאַך האָט זיי דאָס פּנים צוגעדעקט?

ציען זיי פאַרכישופטע די העלדזער צו דעם הימל,
זיי דוכט זיך: עשאַלאָנען קעמלען שפּאַנען אום אין דרימל!

זיי גלויבן ניט די אויגן וואָס זעען איצטער קלאָר:
אַז אַ לאַנגער חלום איז געוואָרן וואָר . . .

:: :: ::

און דאָ — דורך זיבן טויערן פון גרין,
פון ציון קומען אָן די טעכטער און די זין.

מיט קראַנצן אויף די קעפּ, מיט שפע אין די הענט,
מיט פרייד אַנטקעגן טאָג וואָס לויטער פּאַר זיי בלענדט.

זיי ברענגען פּירות פון די גערטנער, און דער טוי אויף זיי
נאָך גלאַנצט,
זיי טראָגן זאַנגען פון די פעלדער, און די זון אויף זיי
נאָך טאַנצט.

זיי ברענגען מילך אין די קרוגן, און די שוים אין זיי נאָך שוימט,
מיט זינגענדיקע גלידער — פונעם טרוים אין זיי צעטרוימט . . .

און די מעריב־זון פון ווייטנס אײַלט ניט, נאָר זי וואַרט,
מילד און ווילד — פאַרגייט זי היינט פאַרנאַכט . . .

מיט אַלע כּישוף־קושן, דורך דורות אויסגעבענקטע,
קושט זי אירע קינדער — און די פרייד זי שענקט זיי!

די יונגפרוי אין פעלד

איך זע די יונגפרוי, ווי זי קומט קאַיאָר אין גאָרטן,
און ווערט אַליין אַ גרעזל פון דער בליאונג דאָרטן.

זי מעסט די וועגן אוים, די סטעזשקעס און די שליאַכן,
און פאַרנעמט פון שפּראָצונגען — די וואונדערלעכע שפּראַכן.

זי וויגט זיך לייכט דורך די בייטן און די צווייגן,
און ס'זינגט די שפּע איר אַנטקעגן — אַ געזאַנג פון שווייגן . . .

די בלויע אויגן אין איר ברוין געזיכט,
מיט שטילן פייער לויכטן קעגן שרפּהדיקן ליכט.

און די צעפּ געפלאָכטן — ווי אַ כישוף־קראַנץ אַרום איר קאָפּ
וואָס וויגט זיך קעגן זון — ווי אַ גאַרבן־סנאָפּ.

אָט בויגט זי איר גוף, מיט גאָטס שטילקייט נידער, נידער,
און עס זינגען מיט — אַלע אירע גלידער . . .

זי צערטלט און זי גלעט יעדעס גרעזעלע ביים פלאַנצן,
מיט ברוינע פינגער, — און רויטע שטראַלן טאַנצן.

ווען איך זע די יונגפרוי פון פעלד צוריק פאַרנאַכט,
ווי זי שפּאַנט אַ שטאָלצע מיט מי און בלי פאַרטראַכט, —

ווי עס אָטעמט פול איר גוף, מיט קילן שטילן רייץ, —
און ס'שיכורן די ריחות פון קאָרן און פון ווייץ,

ווי זי וויגט איר קאָפּ, און עס זינגט איר בליק,
און מיט שפּעטע זון־שטראַלן גליט איר גליק, —

וועל איך אויף שטענדיק שוין פאַרנעמען ס'געזאַנג
פון אירע גלידער,
און אויף דורות זי פאַרקריצן אין אידישע לידער.

פאַניע בערגשטיין

(צום אָנדענק פון דער ישראל־דיכטערין)

ניט דעמאָלט —
ווען ס׳האָבן אירע קלוגע אויגן
מאַמעדיק געגלעט
איבער פּנימער פון גוטע פריינט,
וואָס זיינען געקומען,
און ווי בלומען
אַרומגעקראַנצט איר בעט.
געלויכטן האָבן אירע אויגן מיט אַזאַ ליכט,
אַז איר בלייך געזיכט,
און די דינע ווייסע הויט,
(וואָס האָט בפירוש אָנגעזאָגט — עס גייט דער טויט!)
האָבן זיך אין ליכט אין אייגענעם פאַרטרונקען,
און דאָס צימער האָט געשטראַלט מיט שיין;
ס׳איז גוט געווען
מיט דער דיכטערין צו זיין . . .

פאַניע האָט געצוקט
צו זען אַ ניי ליד ערשט געדרוקט . . .
תמיד דאָרט געזוכט
געזאַנג,
אַ נייעם קלאַנג, —
בשעתו
מיט געזאַנג אַליין זיך אָנגעצונדן . . .
און באַלד —
מיטן נעכטן און מיטן מאָרגן
דאָס געזאַנג פאַרבונדן.

אָט־דער מ אָ ר ג ן,
וואָס פאַניע האָט מיט אַזויפיל ליבע
פאַר אים תמיד
אויסגעטראָגן זאָרגן . . .
אַזוי לעבעדיק און קלאָר
האָט ער געבליט אין איר,
זינט זי איז אַ יונגע מיידל נאָך געווען,
מיט צעפּ געדיכטע,
מיט ברען —
און אַ „נייעם בלאַט געשיכטע"
אין קלאָרן דמיון געזען —
איצטער
פונקט ווי נעכטן, בליצט ער,
דער בלאַט —
וואָס האָט שוין טיפע וואָרצלען געשלאָגן
אין דער ערד פון גבת.

איינגעטונקען אין גרינער בליאונג
איז דער קראַנקן־שטול,
אויפן גאַניק,
קעגנאיבער די הרי־אפרים.
מיט טיפן שווייגן
זיינען אַלע האָריזאָנטן פול . . .
די דיכטערין שיקט איר וויטן בליק
אַהין —
וואו ס'קייטלען זיך בערג אין בערג
און ווילן דעם הימל דערלאַנגען.
איר אָטעם
שלינגט דעם הימל מיט די בערג
אריין, —
און ס'הילט דאָס האַרץ זיך מיט געזאַנגען.
אַרום שפּרייטן זיך ישובים
מיט ווייסע און גרינע שפּיצן,
און ס'איז איר גוט אַזוי
אין שטול צו זיצן . . .

ניט קיינמאָל איז דאָס לעצטע מאָל געווען,
מ'האָט געזען,
ווי פּאַניעס שעפּערישער אָטעם
צו סאַמע הויכן
האַלט זיך ערשט אין הויבן:
עס שטראַלט איר גלויבן, —
זי שרייבט און מעקט,
און סדרט לידער, —
עס ווערט אַ נייער ספר זיין . . .

איז וואָס —
אַז באַלד ווערט וואַקסן
אויף איר קבר גראָז?
דער עיקר —
לעבן קבר שטייען הויכע פּאַלמעס
און זיי שלינגען איין די זון . . .
צופוסנס פונעם באַרג,
ציען זיך איצט וועגן
באַפּרייטע, —
געהייליקטע מיט אידיש בלוט . . .
און שטיינער ווייס-צעהאַקטע
הערן איין זיך שטיל
צום געזאַנג פון טראַקטאָר . . .

דער עיקר —
פּאַניעס חלום,
צעקרישט אויף טויזנט ווירבלדיקע שטיקער
גייט איצט אויף
מיט אַלע חנען:
אין קינדערשן געלעכטער,
אין קינדערשע געוויינען,
אין מאַמעס אויפשטיין צו דער אַרבעט
אין טיף-בלויען קאַיאָר . . .

דער עיקר —
אויף יעדן שריט און טריט,
און אויף ווייסן צווייט,
אין וואָרצל
זינגט דאָס לעבן
פּאַניעס ליד!

אין בית-שאַן אויפן אידישן שליאַך

מיין שוועסטער, חנהן.

דריי אידישע קלייניניקע מיידעלעך,
מיט קורצע דינינקע קליידעלעך,
מיט געדיכטע געקרייזלטע קעפּעלעך,
מיט פנימלעך פולע, ווי עפּעלעך.

דריי אידישע פריילעכע קינדערלעך
שפּאַצירן און דערציילן זיך וואונדערלעך.
געפלאָכטן די הענטלעך אין רינגעלעך,
קלינגען שטיפעריש זייערע צינגעלעך.

זיי זיינען די שארית-הפליטה,
ס'ווייסט ניט איינע ווער איז די צווייטע.
פון וואַנען געקומען? געבוירן אַוואו?
זיי האָבן זיך געטראָפן אַטאָ-דאָ.

אין בית-שאַן אויפן אידישן שליאַך —
אין סאַמע ווירוואַר פון קאָלירן און שפּראַך.
ערשט נעכטן רואין—היינט וואוינען דאָ אידן
צוזאמען —
„אַלע מענטשן זיינען ברידער, פון איין טאַטן,
פון איין מאַמען".-

אַזוי האָט פרץ געזונגען אַמאָל,
איצט ענטפערט דער עמק אַ קול:
ברידער מיר זיינען — קאָלירן און ראַסן —
דאָס זיינען נאָר שטעמפּלען פון שונאשע שפּאַסן . . .

די ערד דאָ — פּרוכטבאַר און ברוין,
זי וועט באַצאָלן פאַר ליידן — דעם לוין.
אָט זיינען די קינדער, די שוואַרצע און ווייסע,
זיין וועבן אין נאַכט אויפן שליאַך זיך אַ מעשה.

פון נעכטן — אַ פעדימל ציט זיך נאָך גרוי,
און היינט — איז אין עמק דער הימל טיף בלוי . . .
די לופט, ווי אַ מאַמע, זי צערטלט און וואַרעמט, —
די קינדער וואָס פריילעכע גייען געאַרעמט.

און לויפן, און שטיפן, און לאַכן —
אויף אַלערליי אידישע שפּראַכן.
אָט פאַרשווינדן די קינדער אין נאַכט, אין דער ווייט,
מיט צעשראָקענע אויגן קוקן נאָך די חורבות
ביים זייט.

און מאָרגן, ווי נאָר עס וועט וועקן
דער בלויער קאַיאָר,
וועלן אויפשטיין אַלע — אַ געלייטערטער דור . . .
ניט געפינען די חורבות, ניט דערקאָנען בית־שאן,
ס׳וועט נאָך אַ אידישער ישוב אין עמק שוין זיין!

אין די בערג פון ישראל

איך קום צו אייך, בערג,
פון אורא̇לטע וועגן.
מיט אַ טרויער, ווי זשאַווער,
און אַ פרייד —
וואָס ווערט לאַווע
ביי אייערע ברעגן.

איך קום צו אייך
אין דער הויך,
אין דער נידער.
עס טראָגט זיך צו אייך,
דורך מיר —
אַ ציטער, אַ פרעגן,
אַ פלאַמיקער גרוס
פון ווייט־פאַרוואָרפענע ברידער,
וואָס זאַמלען ליבשאַפט אין הארצן.
דורך דורות
פלאָג און פלאָם
זיי פורעמען איצט זיך אין לידער.

עס ריזלט אין בלוט מיינעם
טויזנט יאָריקער שטומער געוויין.
איך קום צו אייך שרעקעוודיק,
מוטיק, אַליין . . .
עס בליצט אין מיין אויג
דאָס קלאַפּן פון אידישן הארץ.
דורך מיר —
נעמט אויף דאָס געשוויג, דאָס גערייד
פון אַ פאָלק, וואָס קאָן טראָגן זיין פרייד
דורך צאָרן, דורך רויך,
און זי דערברענגען
צו הימלישער הויך.

דורך מיר נעמט אויף
דאָס שטומען,
וואָס רייסט זיך דורך פאַריגלטע שפּאַלטן
און פילט אָן די וועלט
מיט אַ ברומען.
דאָס אייביקע וויינען און באַוויינען
דעם חורבן.
דעם שניט און פאַרשניט פון די
דורות,
וואָס גייען אויף, ווי זאַנגען,
איטלעכן פרילינג,
נאָכדעם ווי עס קומט דער שניטער
און שניידט מיט אַ סדר —
(ווי אַ געטלעכער ריטער)
ביז מיר ווערן מיט וועלט
אַ בלוטיקער צווילינג . . .

איך קום צו אייך, בערג,
אַ גלימער פון מעסער,
אַ וואונד פונעם שניט,
וואָס פאַרשטומט און פאַרשווינדט
הינטער אייביקע שלעסער . . .
דאָרטן זי ציילט און זי היילט אירע שניטן;
דאָרטן —
אינעם טאָל פון די גרוילן,
אין סאַמע פאַרכישופטן מיטן —
שיילט אוים זיך אַ בלוי
און אַ בליטן . . .

איך קום צו אייך, בערג,
ניי געבוירן.
פאַרליבט און פאַרבענקט,
דערקוויקט מיך — באַשענקט.
וועקט אויף מיך פון אייביקן טראַכטן.
שליסט אויף מיר די אויגן
צו זען די פּראַכטן.
באַווייזט מיר די וועגן
וואָס ליגן פאַרבאָרגן . . .
טרינקט אוים פון מיין בלוט
דאָס אייביקע פרעגן
אויף מאָרגן —
גלעט אוים מיט געטלעכן שמייכל
די וואונדן
פון וועלן פאַרשטיין דעם שכל . . .
איך וויל ווערן אַן עדות
פון „והיה באחרית הימים",
וואָס ס'האָבן בירושה מיר געלאָזן די זיידעס.

אָט בין איך געקומען צוגיין,
אַן אייניקל יונג,
פאַרכישופט, און שוואַך,
צו קאָנען פאַרשטיין די שפּראַך,
אויב „והיה" איז שוין דאָ
אויף דער ערד
וואו איך בין, —
איז נעמט ביי דער האַנט מיך,
מיט קפיצת הדרך
פירט מיך
אהין —
איך זאָל ניט פאַרזאַמען די שעה!

זומערדיק

איך גיי אַרום און זוך מיין רו,
איך זוך מיין רו און הער זיך צו:

אַרום מיר גרין און גראָז די וועלט,
שטילע וועלט אַרום מיר קוועלט.

זוך איך אוים פאַר מיר אַ וועג,
פירט ער צו פאַרבענקטע טעג.

טעג מיט ליכט, אין פריען מאָרגן,
אויסגעטאָן פון יאָך און זאָרגן.

גראָז אוןביימער — פרישער צווייט,
קומט דער ווינט און פרייט זיך מיט.

נייגט די קעפּלעך זיי די גרינע,
בייגט די רוקנס זיי די דינע.

און עס שושקען זיך די צווייגן . . .
וויל איך מיט די ביימער שווייגן.

מיט די גראָזן גיין טאַנצן,
ווערן איינס מיט וואַלד אינגאַנצן.

הויך דער הימל, ווייט און בלוי, —
קוקט אַראָפּ זיך גלאַט אַזוי.

אַלץ איז קלאָר אים, ווי דער טאָג,
ווי דער טאָג וואָס איך פאַרמאָג.

גראָז און בוים — פרישער צווייט,
דעקן איין מיר דאָס געמיט, —

לאָז איך זיך אין רו פאַרוויגן,
מיט אַ שטילן, שטילן ניגון,

און אַנטקעגן מיר די וועלט —
ליגט אַ רואיקע און קוועלט.

די באַלאַדע פון דרעמלענדיקע שיפן

עס שטייען שיפן אָנגעלאָדן,
— קיינער טרייבט זיי ניט פון באָרטן,
קיינער קומט ניט זוכן, פרעגן,
קיינער צוימט זיי ניט די וועגן.

נאָר די כוואַליעס קוועלן, שוימען,
גלעטן, קושן זיי די זוימען.
און אין לופטן, צו דעם הימל
כאַפּן קוימענעס אַ דרימל . . .

שטיל דער ים איז איצט און קיל,
און די זון פאַרגייט אויך שטיל.
— ווי אַ מאַמעס קושן — אירע שטראַלן
קוויקן, ווען זיי פאַלן.

אַט טוט זיך אַ צעברען דער ים,
מיט פאַסן ליכט זיך אַ צעפלאַם.
און די וועלט די גאַנצע פון דער ווייט
לויכט און קוועלט אויף אונדזער זייט . . .

שווייגן שיפן און זיי קלערן,
וואַרטן אויפן ערשטן שטערן.
— ס׳טרינקט דער הימל זיך אין טרוימען
און די כוואַליעס שוימען, שוימען . . .

לאַנגזאַם גייען כמאַרעס זיך פונאַנדער,
יעדע כמאַרע אין איר וואַנדער.
— געל אויף זילבער, שוואַרץ אויף גרוי
נאָר דער ים איז טונקל בלוי . . .

ניט פון וואַנדער זינגט ער איצטער,
ניט מיט שטורעמס גרויסע בליצט ער,
נאָר אַ מעשהלע פאַר די שיפן
וויל ער וועבן פון די טיפן!

— דרעמלען שיפן און זיי הערן
ס׳צינדט זיך שוין דער ערשטער שטערן.
— אַלע אויגן צוקן, בליצן,
ישראלס גרענעצן באַשיצן!

מיטן-נאָוועמבער אין ישראל

אין מיטן נאָוועמבער איז ווי אַש דער פרימאָרגן,
עס ווערט שוין דער הימל פאַרחלומט מיט זאָרגן.

אין מיטן נאָוועמבער קומט דער ווינט און ער שרעקט,
און קוים וואָס דער זון כוחות שוין קלעקט.

אין מיטן נאָוועמבער איז פייכט יעדער בלאַט,
אַפילו אַז די רעגנס פאַרזאַמען זיך גלאַט . . .

אין מיטן נאָוועמבער איז די ערד גרין און ברוין,
און אַלע חמסינען דרעמלען שוין . . .

אין מיטן נאָוועמבער ווערט מאַט יעדער קאָליר, —
און לויטער דער אָטעם פון האַרבסטיקן שיר!

ביים ים

איך וויל דעם ים דעם קילן, דעם בלויען,
מיינע זאָרגן פונעם טאָג פאַרטרויען.

ס׳גליט די זון מיט שפּעטן, מיט רויטלעכן ליכט,
און גלעט מיך, און קושט מיר מיט שיין דאָס געזיכט.

און צינדט אָן, און קילט אָפּ די כוואַליעס, וואָס שוימען,
און שלינגען און טויבן טעגלעכע טרוימען . . .

וואָס זאָג איך אצינד — דער מענטש — אים, דעם ים?
אַז איך זע ווי עס צינדט און ס׳לעשט זיך די זון מיט איר פלאַם?

נאָר דער ווער עס זעט, ווי דער ים מיט מיליאָסן ניואַנסן
טוט קוועלן,
און עס ציט זיך זיין אָטעם מיט שטילן, מיט גרינעם געזאַנג
צו די שוועלן . . .

אַהין, צו יבשה, וואו עס טרעטן אום מענטשלעכע טריט,
און פון טעגלעכע יאָכן זיין אויג איז צעבריט —

נאָר דער קאָן ווערן אַליין פאַרשלונגען, פאַרשווענקען,
און אויפוואַכן ווידער — אייביק דעם ים צו געדענקען.

:: :: ::

אַט אַט . . . און די שיין ווערט שוין טונקל—טיף גרויאיקער אַש,
ווי אַ טוך איבערן ים — אויסגעשפּרייט ווערט דער רעש.

ער וויגט זיך און שטילט זיך און שלינגט זיך אַריין,
און דו מיט דיין טרויער — ווערסט זילבערנער שיין.

עס ווערט לייכט ווי אַ פעדער דיין אָטעם, דיין גוף,
און אַלצדינג, וואָס אַט ערשט דעם גרעסטן באַרוף

האָט געטראָגן אין דיר, — געמאָנט און געשטורעמט,
ווערט אין נאַכטיקער קעניגרייך שטיל אויסגעפורעמט.

ווערסט מינוס און פּלוס, ווערסט געטלעך און קליין,
פילסט ווי דו ווערסט איצט אַ זעמדל, אַ שטיין,

וואָס שטעלט אויף פונדאַמענטן, גרונטן און פלאַכן,
פילסט ווי ס'עפענען זיך אויף אין דיר קוואַלן, און שפּראַכן;

דו הערסט איצט פון וועלט אַלע חכמות און סודות,
עס באַשווערט דיר די נאַכט: בלייב אַן עדות!

די לופט א'ז איצט וואַרעם און צערטלעך, זי גלעט דיר דאָס פּנים
און רוימט דיר אַ סוד איין: דאָס לעבן צו לעבן דאַרף מען קאָנען!

ליד

פון יענער זייט פענצטער
ברענט די וועלט
און איך בין פון ווייטן.
כ׳האָב זיך פאַרבויט
אין אַ נייעם געצעלט
אויף אייביקע צייטן.

פון יענער זייט טיר
איז אַ וועג פאַראַן,
וואָס פירט צו אַ ראָזעווען נעכטן;
און איך האָב געשוואוירן,
מיט איטלעכן שפּאַן,
דאָ ענגער די קנופּן פאַרפלעכטן.

פון יענער זייט פּאַרקן
רוישט די גאַס —
און איך פון דער זייט
האָב רו אויסגעשפּונען.
אָן חשבון, אָן האַס
די צייט אָפּגעשטעלט —
און לעבן געפונען.

איך זע דעם חרמון

דאָס אויג איז מיד,
דאָס אויג איז וואַך,
עס זינגט מיין ליד
אַן אנדער שפּראַך . . .

די זון איז מילד,
די לופט איז שטיל;
מיין בלוט איז ווילד
פון כישוף־שפּיל.

דער שליאַך איז שמאָל,
ווי אַ שלאַנג געדרייט;
דער גרינער טאָל
זיין צויבער שפּרייט.

דער חרמון מיט שניי —
די לופט איז ריין.
און איבער זיי —
אַ בלויער חן.

ער פּליסט פון הימל
אויף ברוינער ערד אַראָפּ.
אין וואַכן דרימל
שאָקלט „אָמן" צו מיין קאָפּ.

אין גליל העליון

שיין איז דאָס לאַנד,
יונג איז דאָס,
צאַרט.

גרין איז דאָס לאַנד,
און ווילד איז דאָס,
האַרט.

:: :: ::

שטיינערנע טרעפּ אין די בערג.
פעלדזיקע שפּראָצונגען.
אוראַלטע ווינקעלעך
אין בויך פון דער ערד.
שמאָלע סכנותדיקע וועגן,
ברייטע פאַרלאָזענע שטחים
ציען דאָס אויג
אַריבער יאָרטויזנטער ווייט.
און יונגע,
ווי פעדערן לייכטע,
ישובים,
שטייען, ווי בלויער סימבאָל,
פון דער צייט . . .
די קעמלען,
אין לאַנגע שערענגעס,
טראָגן אָפּ שטיינער,
אויף זייערע רוקנס געבויגן,
און אַנטקעגן זיי —
מאַשינען מיט דאַמף
און מיט דראָטן געצויגן.
פון בערג ווערן שטיינער,
און פון שטיינער ווערט זאַמדיק מעל,
און שטויב אין דער לופטן
הויבט זיך הויך,
הויבט זיך געל.

עלעקטרישע דראָטן,
גאַנץ און צעבראָכן,
דרינגען אַריין
צווישן גראָזיקע מאָכן . . .
רייסן אויף פעלדזן,
ברענגען רואינען, —
און איבער דעם שוועבט
אַזאַ געטלעכער זינען . . .
ווייטער און ברייטער
ציען בערג זיך ווי לייטערס,
געהאַקטע, געשניצטע, געטורעמט,
פּאַלאַצן אין מדבר,
וואָס מענטשלעכע מי
האָט געפורעמט.
דאָ, ביי דער זייט,
ציען קרומע און שמאָלינקע וועגן,
ליגן ברייטע באַנייטע שאָסייען,
און ס׳וואַקסן אוים גאַסן,
און ס׳ווערן אַלייען
אין פאַרוואַקסענעם מדבר . . .

און ווייטער אַ בליק, אָדער צוויי,
שלעפן אייזלען זיך פויל,

און אויף זיי
טויזנט יאָריקער שטויב
און סלינע אין מויל . . .
אויסגעלאָשענער בליק
שפּרייזט פּאָראויס —
דערנאָך דער קערפּער,
מיט משא געלאָדן.
זיי גייען,
און ס'דאַכט זיך,
ס'איז פרעמד
זיי געוואָרן דער באָדן . . .
פון הינטן
דעם אייזל, דעם שקלאַף,
גייט נאָך
אַ באָרוועסער, קלייניקער גראַף . . .
פויל און פּאַוואָליע ער שפּאַנט,
דרייט לאַנגזאַם
דאָס ריטל אין האַנט.
זיין וועג איז ניט נאָענט,
ניט ווייט —
ס'האָט קיין שליטה אויף אים ניט
די צייט. —

דו קערסט אָפּ דיין בליק
פונעם טרוקענעם, מידברשן ווינט,
און וואַרפסט אים צוריק
צו דעם מדבר אַצינד.

דו זעסט ווי עס ליגן די פעלדער און טרינקען די טויען,
צום הימל זיי טראָגן די זריעה די פולע, ווי שוואַנגערע פרויען.

דו הערסט — דורך אייזערנע גערעדים — ווי טראַפּנס פרייד,
גיסט זיך וואַסער אַריין אין דער ערד, אין איר אינגעווייד.

דו פילסט אַ שפּריצן אַ דינער, אַ פייכטער,
בלייבט הענגען אין לופט, ווי אַן אָטעם אַ לייכטער.

דערזעסט דורך ביימער, גערטענער, סאָדן, —
מיט נייע ישובים איז באַוואוינט שוין דער באָדן . . .

עס זויגט זיי און שלינגט זיי דיין בלוט, ווי אַ רפואה צום גומען,
און ס'קוועלן אַלע צעלן אין דיר — און פאַרשטומען.

דער מוח שטעלט זיך אָפּ אינגאַנצן פון טראַכטן;
דו זעטיקסט דיין האַרץ נאָר מיט מידבּרשע פּראַכטן . . .

כנרת

אַ גאַנצן טאָג פון צויבער דיינעם
האָט דאָס אויג געטרונקען,
ווייל אַצינד, אין בלוי דיין ריינעם,
מיין שטילע ברעם פאַרזינקען.

אַ גאַנצן טאָג מיט פרייד מיט טיפער
האָט דאָס בלוט געקוועלט,
ווייל דאָס הארץ — אַ מידער שטיפער —
איצט אַנטרינען אין דיין וועלט.

אַ גאַנצן טאָג מיט גלי און ציטער
האָט דאָס וואָרט גערוט,
ווייל מיין אָטעם — ווי אַ ריטער —
טראָגן היים דיך אין מיין בלוט.

בלייב אין מיר, כנרת, שאַלן,
ווי די אייביקייט — ניט אַנטרינ.
דעם חן פון דיינע וואַסערן לאָז פאַלן
אויף מיין ליד — און מיט טיפן סוד — באַזין.

אשרתעלע

אשרתלע — קליין מיידעלע,
אַ קעפּעלע, אַ פּנימל, קורץ נעזעלע,
און צוויי דאַרע לאַנגע פיסעלעך,
קוקן אַרויס פון איר קורץ קליידעלע.

אַט לויפן זיי פון קעסטל זאַמד,
און לויפן אַוועק צום טייך.
די מאַמע זוכט דעם וועג אַהין,
אשרתעלע לויפט גלייך.

דער וועג איז לאַנג און שמאָל,
ער פירט אַוועק עט־ווייט.
אשרתעלע פאַרשווינדט אין טאָל,
באַהאַלט זיך ביי דער זייט.

די מאַמע רופט זי הויך,
די מאַמע רופט זי שטיל;
אשרתעלע — אַ פלאַטערל, —
איז איצטער הוילע שפיל.

די ביימער זיינען גרינע,
די צווייגן ווייט געשפּרייט —
אשרתעלעס פיסלעך דינע
קלעטערן זיינען גרייט . . .

דער מאַמעס אויג דערזעט ניט,
דער מאַמעס האַרץ דערהערט;
אשרתעלע פאַרשטייט ניט,
פאַרוואָס קלעטערן איז ניט רעכט.

די זאַמד איז אָנגעברענט,
ס'איז היינט אַ טאָג חמסין.
אשרתעלע צעבלענדט —
אַ גלימער אין דער זון.

ער איז נאָר אַ גאַסט . . .

אַקערס — פעלדער אַקערן, שניידן פראַנק און פריי, —
ער איז נאָר אַ גאַסט — פאָרט דאָ איצט פאַרביי.

מילן — קאָרן מאָלן, מ׳הערט דעם רעש פון רעדער,
ער איז נאָר אַ גאַסט — אַ מענטש פון טינט און פעדער . . .

שאָף און רינדער מעקען, פאַסטוכער גרייטן עסן, —
ער איז נאָר אַ גאַסט — ציילט דאָ די מעת־לעתן.

בויער הייזער בויען, טראָגן ציגל, ברעטער, —
ער איז נאָר אַ גאַסט — וועט זען די שטוב שוין שפּעטער.

קינדער וויינען, לאַכן, מאַמעס היימען ראַמען,
ער איז נאָר אַ גאַסט — קאָן זיך ניט פאַרזאַמען.

האַמערס צוועקעס קלאַפּן, שוסטערס שיך פאַריכטן, —
ער איז נאָר אַ גאַסט — דאַרף שטאָף אויף די באַריכטן . . .

ערגעץ אין אַ נייעם ישוב אין נגב

עס ליגן דאָ בערגלעך מיט שליאַכן גערינגלט,
עס שפּילן זיך קינדער — מיט אידיש געצינגלט.

עס פינקלען דאָ פלעמלעך פון פענצטערלעך קליינע,
באַוואָרפן מיט שיין די גערטנדלעך שיינע.

עס שוויגן דאָ הייזער מיט סודות צעקוועלטע,
עס ריידן דאָ עדות אָן ווערטער — געשטעלטע.

עס רוקט זיך דער הימל אַראָפּ אויף די נידעריקע דעכער,
און ס'דוכט זיך: זיי הייבן זיך אויף פון דער ערד נאָך העכער...

עס זינגען די זשאַבעס, און ס'גרילצן די גרילן,
און פאַר דיינע אויגן גייט אויף איצט אַ שפּיל

פון שלווה אין גרין, און פון נס וואָס געוואָרן
איז פון פּשוטן אמת — אין גאַנג פון די יאָרן...

דאָס געוויין פון אַ קינד וואָס וויל נאָך ניט שלאָפן,
די שטים פון דער מאַמען, וואָס מיט „בייזקייט וויל שטראָפן" —

די היימישע קלאַנגען, אין טונקעלער שטילקייט,
נעמען אַרום דיך מיט וואַרעמער קילקייט...

אין טיף־נאַכטיקער שעה — דו שפּאַנסט צו דעם כביש,
פאַרטרונקען מיט ריחות פון פעלדער פריש. —

עס באַגלייטן דיך מענטשן, ווי ברידער געאָרעמט,
מיט פּשוטע רייד דיין האַרץ ווערט דערוואָרעמט.

עס שווימען אַרום און צעפינקלען זיך שטערן,
פאַרשיכורט דו ביסט פון זען און פון הערן.

די בערגלעך — זיי ווערן איצט וווייט מיטן ישוב,
און דו בלייבסט אַ גלימער אין נאַכט מיט איר כישוף.

דאָס לאַנד

אויבן — דער הימל אַ בלויער,
אונטן — דער שומרביים טויער,
און אין מיטן — ביים ראַנד —
ליגט דאָס לאַנד!

יונג און צעכוואַליעט,
פאַרברוינט און פאַרסמאַליעט,
פון באר־שבע ביז דן,
די אידישע פאָן . . .

אין דער טיף — שטיינער שאַלן,
אין דער הויך — טורעמס שטראַלן,
און אינמיטן די ערד
צעשמעלצט אויף אַקערם די שווערד.

דורשטיק און רייף צו געבערן,
געדולדיק און פריי, אירע קינדער צו נערן,
אין מדבר פאַרפלאַנצן אַ בוים,
אַז ס'זאָל מדבר ווערן אוים טרוים . . .

ווייט איבער שליאַכן געצעלטן אַ סך,
ווי חופּות אויף שטאַנגען, יעדער שטאַנג אויף דער וואַך!
און אינווייניק, שטיל, אינדערמיט,
קומט אַ דור אויף אַ נייער — אַ דור מיט אַ ליד!

מיט ליבשאַפט צום לעבן,
מיט ליבשאַפט ביז טויט.
אַ ביקס אין דער האַנט,
און דאָס לאַנד ווערט געבויט!

קומט, זעט זיי, די יורשים פון נביאישע ייִדעס,
זיי זיינען די שטאָלצע, די היינטיקע עדהס.

קומט, זעט זיי, די דורות, די זין און די טעכטער,
זיי האָבן דעם פּחד געפאַנגען, און מיט געלעכטער

זיי גייען אַנטקעגן געוויטער, אַנטקעגן די קריגער,
זיי זיינען די היטער, זיי זיינען די זיגער!

אויבן — דער הימל אַ בלויער,
אונטן — דער שומר ביים טויער,
און אין מיטן — ביים ראַנד —
ליגט דאָס לאַנד!

מחנה בית=ליד

פאַר מײַן טרײסט־וואָרט אין די רײען

אָ, וויפיל לעבנס
אין מײַן לעבן
זיך פאַרוועבן . . .
מיט וויפיל וואונדן
יעדן טאָג
מײַן האַרץ ווערט אָנגעצונדן!
וויפיל ווייען —
פאַר מײַן טרייסט־וואָרט,
וואַרטן אין די רייען . . .

ליידן, אויפגעדעקטע, הוילע,
ווי ברענענדיקע קוילן,
לויערן אויף מײַן פרייד, מײַן רו.
הונגעריקע בליקן
מײַן מינדסטן וועזן
זײַנען גרייט פאַרצוקן!

ניט אוים בייזקייט, חלילה,
ניט אוים טיפער שנאה, —
נאָר ווייל ז י י ע ר לעבן
האָט איצטער ניט קיין זינען . . .

און איך —
וואָס בין געזונט און גאַנץ,
און קום צו זיי אויף אַרבעט
יעדן טאָג ווי צו אַ טאַנץ, —
מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן . . .
איך —
וואָס דאַרף זיי טויזנט
פּלאָנטערן צעקניפּן, —
איך —
זיץ אינעווייניק אַ זאַטע,
ניטאָ קיין צייכן אויף מיין גוף
פון נומערן, פון געלער לאַטע,
ניטאָ קיין פלעקן אויף מיין פנים
פון ווילדן דורשט, פון שאַנד . . .
איך זיץ „אַ גליקלעכע"
ווער ווייסט ווי לאַנג שוין
אינעם לאַנד, —
גענים די שפע און די פרייד,
און זיי וואָס ברענג איך
אויסער גוטע רייד?

אָ, ניין,
זיי ווילן מיך ניט
שטעכן מיט די בליקן, —
זיי ווילן נאָר
איך זאָל, חלילה,
ניט אונטערהאַקן זייערע בריקן . . .

זייער וואָרט

זייער וואָרט — איז מער ווי וואָרט, —
ס׳איז דאָס בלוט וואָס זידט און קאָכט.

זייער בליק — איז מער ווי בליק, —
ס׳איז צווישן טויט און לעבן — אַ הענגענדיקע בריק.

זייער ווײ — איז מער ווי ווײ, —
ס׳איז צו וועלטס געוויסן אַן אויסגעשריי.

זייער מינע — איז מער ווי מינע, —
ס׳איז פון האַרץ די דינסטע סטרונע.

זייער שמייכל — איז מער ווי שמייכל, —
ס׳איז צאַרטער גלעט איבערן שכל.

זייער דאַנק — איז מער ווי דאַנק, —
ס׳איז דער נר תמיד, וואָס אין מענטשן צאַנקט!

די טריפנדיקע וואָר

פֿון זייער שפּראַך — דו ווייסט ניט דעם באַדייט,
זייער יעדער קלאַנג — איז דיר מיילן ווייט.

אין זייער בליק — ניטאָ קיין אידישער חן.
זייער מינע — ניט מיאוס און ניט שיין.

זייער גאַנג — אי הכנעהדיק, אי שטאַרק,
טויזנט־יאָריקער גלות ליגט זיי אויפֿן קאַרק.

זייער קול — גבורהדיק און ווילד,
נאָר ווען דאָס אויג צעפינקלט פּלוצלינג מילד, —

צעפּראַלט דאָס הארץ, און צום טיפסטן אָרט
דרינגט אַריין אַ קלאַנג, שלאָגט זיך אָן אַ וואָרט.

און ס׳ווערט טויזנט־יאָריקע ווייט דיר נאָענט און קלאָר, —
ווייל אַלע גרענעצן רוקט אָפּ די טריפנדיקע וואָר . . .

אין דיין „יאָ״ צי „ניין״

דו רעדסט מיט האַרץ, דו רעדסט מיט מוט.
גיסט אַריין אין אַלע צעלן פון דיין וואָרט פריש בלוט.
טראָגסט עס אונטער זיי — ווי אַ מעדיצין, —
נאָר אומזיסט. אין דיין „יאָ״ צי „ניין״ ליגט פאַר זיי
דער טיפסטער זין . . .

הילפלאָז ווערסטו, און די גאַנצע גבורה אין דיר,
וואָס דאַרף עפענען פאַר זיי די ווייטסטע טיר, —
בלייבט איצט שוויַיגן שטום, און מיד.
אויף דיינע ליפּן נאָר, עלנט, וואַנדערט אום אַ ניגון פון אַ ליד . . .

זיי ווילן דיך הערן . . .

זיי ווילן דיך הערן,
נאָר ז י י ע ר ע צרות — מאַכן זיי די אויערן צו.
זיי ווילן דיר ניט שטערן,
נאָר ז י י ע ר ע אמתן גיבן ניט קיין רו . . .

זיי ווילן דיר גלויבן,
נאָר ז י י ע ר וואָרט איז געבאָט.
דו ווילסט הערלעך זיי דערהויבן,
און פאַר אַ דאַנק — שלינגסט אַרונטער טיפן שפּאָט . . .

מ׳איז אים שולדיק אין הימל
דעם ליכטיקסטן שטערן . . .

צעקאָרבט איז זיין פּנים,
זיין גוף —
ער איז צו קיין מענטשלעכער צורה
ניט גלייך.
פּרעך איז זיין וואָרט, —
און זיין בליק איז אַ שטיין,
וואָס ער וואַרפט אין אַ טייך . . .

אין מחנה איז ער פויל,
ניט פריילעך, ניט ריין.
ער טראָגט אום זיינע ליידן,
ווי קנופּן אַ קנויל.
וויל ער —
איז דאָס אייגענער גורל,
באַשערטקייט —
וויל ער —
וויקלט ער די ליידן אַרום זיך
ווי אַ זיידענעם באַנד,
און וואַרפט, ווי אַ קללה,
די שולד — אויפן לאַנד.

ער איז גרייט צו פאַרראַטן
זיין ברודער — דעם איד,
ווייל יענער איז אַנדערש. —
ער קערט אָפּ זיך מיט עקל, מיט שפּאָט,
ווייל אויף אים האָט
טויזנט־יאָריקער גלות
דעם חותם געלייגט.
פון מידברשן וואַנדער,
פון שווערן נסיון —
ניט ווערן ככל הגויים . . .

מיט קיין איינציקן שפּאַן
ער גייט ניט אַנטקעגן
ניט זיך —
ניט דעם לאַנד.
ביי אים איז קיין חילוק פֿאַראַן
פון „דאָרטן" און דאָ;
ער זעט ניט
דאָס ליכט פון דער שעה . . .

ער זעט ניט דעם מענטשן,
וואָס האָט מיט זיין גלויבן
דערגאָבערט די ערד —
און ס'איז איצט אים באַשערט
אַלע לאַסטן צו טראָגן פון לאַנד,
און אויסשטרעקן אים
אַ ברודערלעכע האַנט.

מיט שנאה ער נערט זיין געדאַנק:
ער פאַרמאָגט ניט קיין ווילן צו הערן,
ער ווייסט נאָר: זיין לעבן איז קראַנק,
און ס'מוז אים געזונט איצטער ווערן;
מ'איז אים שולדיק אין הימל
דעם ליכטיקסטן שטערן . . .

כ׳דאַנק דיר, גורל

1

כ׳דאַנק דיר, גורל,
וואָס האָסט מיך
באַשאָנקען מיט כוח,
און מיט ווילן,
זייערעליידן
צו היילן, שטילן, —
וואָס האָסט מיך
אין אַ גאַנצקייט געפּורעמט, —
איך בין ניט קראַנק, —
און צו די וואָס דאַרפן
קאָן איך קומען
און געבן מיין הילף אַלס געשאַנק.

איך דאַנק דיר, גורל,
וואָס אין מיין לעבן
האָט דער שטן
זיך ניט אַריינגעריסן
און אַוועקגערויבט
ווי ביי זיי
אַ שטיק פאַרמעגן:
אַ האַנט, אַ פוס,
צי גאָר
דאָס בלוט
אין קאָפּ צעמישט . . .

2

די מי איז שווער, און גרויס,
און נאָך גרעסער איז דער שכר.
ווי גאָט־גלוביקע,
זיי הערן אוים
מיין איטלעך וואָרט,
און שלינגען
עס ווי אַ רפואה.
זיי קומען, און זיי קומען,
און זיי ברענגען מיר צוטראָגן,
ווי פרישע בלומען,
זייערע וואונדן — אַ מתנה.
דערפאַר,
ווייל מיין לעבן,
(וואָס איז טעגלעך אין סכנה)
כ'בין גרייט צושטייער געבן
זיי פאַר דיליידן
פון אַ האַנט וואָס פעלט,
פאַר אַן אויג וואָס בלינד, —
פאַרן ווייטיק
פון אַן אומגעקומען קינד . . .

כ'דאַנק דיר, גורל,
וואָס האָסט מיך
באַשאָנקען מיט אַ כוח
און מיט ווילן,
זייערע ליידן
צו היילן, שטילן . . .

זיי שטאַרק!

זיי שטאַרק, דערשטיק אין זיך די טרערן,
זאָל מען, חלילה, דיין מינדסטן מיטלייד ניט דערהערן.

זיי שטאַרק, קריץ אויס פון האַרץ דיינעם אַ שטיין, —
און ווי אַ לץ — באַוויייז אַ שמייכל דורך די ציין . . .

זיי שטאַרק, טרינק אויס ביז לעצטן טראָפּן זייער צער,
און פאַרשטום! — ווייל דיין קליגסטע עצה — איז איצט לאָגיק
פון אַ נאַר!

שולד-ליד

אָ, וויפיל לעבנס ניט געציילטע,
וויפיל ווייען ניט פֿאַרהיילטע
כ׳האָב געלאָזן הינטער זיך
און אַוועקגעגאַנגען גיך . . .

אָ, וויפיל שטימען ניט דערהערטע,
וויפיל אומגליקן באַשערטע
כ׳האָב געלאָזן הינטער זיך
און אַוועקגעגאַנגען גיך . . .

אָ, וויפיל טריפנדיקע וואונדן
כ׳האָב געלאָזן ניט פֿאַרבונדן,
ווייל כ׳האָב רחמנות געהאַט אויף זיך —
און בין אַוועקגעגאַנגען גיך . . .

אייגענע און פרעמדע

מיין טאַטע

וואו איז איצט מיין טאַטע, וואו איז איצט זיין חלף,
וואָס האָט יאָרן אין מיין אויג געבלאַנקט?
וואו וואַנדערט אום זיין ברכה,
וואָס האָט ווי אַ נר־תמיד אויף זיין ליפּ געצאַנקט?

ווען ער האָט אַן עוף אין זיינע הענט געהאַלטן,
האָט זיך געדוכט: „עס גייט ניט אוים קיין לעבן" —
האָט זיך געדוכט: דורך דורות האָט גאָט אויסבאַהאַלטן
מיין טאַטנס גאַנג, און אים אַזאַ באַרוף געגעבן . . .

וואו איז איצט מיין טאַטנס הויז,
וואָס האָט פאַר אידן געבראַכט אַזויפיל פרייד?
וואו איז איצט די גרויסע קלויז,
וואָס ער האָט מיט נשמה שיינער און מיט שטאָלצן גוף
באַקליידט?

ווען פאַרן זילבער־אויסגעפּוצטן עמוד,
אַזוי ווי אַן אָדלער, וואָס פאָכעט מיט די פליגל אין וואָלקן־רויך,
האָט זיך געוויגט מיין טאַטע דאָרטן תמיד,
און זיין שטים די גאָלדענע צעגאָסן אין דער הויך.

וואו איז איצט די עדה פרומע אידן,
וואָס פלעגן טרינקען זיין געזאַנג ווי גוטן וויין,
און ענטפערן אים אָמן, און ענטפערן מיט פרידן —
אַ טיפער קוואַל פאַר זיין נשמה־יתירה זיין?

ס'איז דאָס לעבן אין די היימען געוועזן אַזוי גרוי,
זיינען אידן דאַוועגען געקומען.
האָט מיין טאַטע זיי דעם הימל תמיד אָפּגעפאַרבט אויף בלוי,
און זיי האָבן שטיקער הימל מיט זיך אַהיים גענומען . . .

וואו איז איצט דער פלאַם, און וואו איז איצט דער ברען
פון אַלע יענע אידנס אויגן,
וואָס כ׳האָב מיט קינדערישן ציטער צוגעזען,
ווי אויף קידוש נאָכן דאַוונען זיי האָבן זיך צו אונדזער הויז
געצויגן?

ווען זיי האָבן די תמימותדיקע טלית-זעקעלעך
איבערן עירוב אין דער קלויז געלאָזן ליגן,
אַז אַהיימטראָגן זאָלן זיי משהלעך, שלמהלעך מיט בלייכע
בעקעלעך,
פאַר אַ שטיקל לעקאַך, פאַר אַ דאַנק אַ שטילן.

וואו איז איצט די יום-טובדיקע רו און פרייד,
וואָס האָט אַרויסגעזונגען פון אַלע שיינע בערד,
ווען זיי האָבן מיט אַ לחיים פאַרשווענקט די גאַנצע לייד,
וואָס האָט געוואַרט פאַר זיי אויף וואָכעדיקער ערד?

ווען זיי האָבן אין זיך דעם שבת געטראָגן,
האָט מען געזען דורותדיקן שטאַם.
און מיין טאַטנס הארץ האָט מיט זייערע געשלאָגן, —
און עס איז געווען מיין טאַטע, וואָס האָט געוואַרעמט
מיט זיין פלאַם.

וואו איז איצט זיין חכמה, וואָס האָט ווי די תורה,
אין אַלע חושכדיקע טעג,
— אַ ברענענדיקע מנורה —
באַלויכטן אים דעם וועג?

וואו ער האָט געלעבט, און וואו ער האָט געטראָטן,
דאָרט האָט דאָס לעבן, דאָס אידישע, געבליט.
געווען איז זיין גאַנג — די טאַט פון צען געבאָטן,
געווען איז זיין הארץ — די קדושה פונעם איד!

אין דיין צענדליק יאָר

בלויער חלום אויף דער וואָר
אין דיין צענדליק יאָר.

מיינע טריט און מיינע רוימען
אָנגעריירט נאָר אין די טרוימען

קלינגען האַסטיק, געשווינד
אין דיין גאַנג אַצינד.

אַלע קלאַנגען אין דיין קול
פון מיין נאָענטן אַמאָל.

אין דיינע אויגן טעם פון לעבן,
אויף דיין שטערן וואָס דערנעבן,

טיפע חכמה פון דיין זיידן,
לאָזט דיר גריסן שטיל, באַשיידן.

אַרום דיין מויל, מיט טויזנט חנען,
רינגלען שנירעלעך געווינען,

און ווי אַ שטראַל מיט זונען ליכט —
לויכט דיין קינדערשער געזיכט.

אָנגעזאַמלטער פאַרמעגן
אויף טאַטע־מאַמעס וואַנדער־וועגן.

אין דיין צענדליק יאָר
טראָגסט אויף פלאַטער־פליגל די העלע וואָר.

העי, דו אינגל

העי, דו אינגל פייער צינגל,
פלעכט אַריין מיך אין דיין רינגל,
גיב מיר אָפּ אַביסל פייער,
וואָס האָסט גענומען פון מיין שייער.
כ'האָב נאָך ווייטע, ווייטע בריקן —
כ'קאָן ניט גיין קיין צוריקן.

העי, דו אינגל — רייפע זאַנג,
אויסגעזוונגענער פאַרלאַנג —
ביסט געווים דאָס שענסטע ליד.
נאָר ווייס,
מיין ליכטיקער און שיינער —
ס'נאָך דאָ געזאַנג אין מיינע ביינער.

העי, דו אינגל, לייב און לעבן,
כ'וועל דיר אָפּגעבן מיין פאַרמעגן.
נאָר ניט נעם ביי מיר די יאָרן
און צעמאָל זיי, ווי דעם קאָרן —
צו די פעלדער פול מיט זאַנגען
כ'בין נאָך ניט דערגאַנגען . . .

העי, דו אינגל, פלייש און בלוט,
ס'איז מיר טרויעריק און גוט
זען דיך אַ גרויסן וואַקסן,
תמיד אויסהיטן פון שלאַקסן.
ביי דיין פייער — מיינע פלאַמען
פלאַקערן — און צאַמען . . .

עלעגיע צו מיין זון

אָ, מיין זון — יונגער שטערן,
ביסט נאָך קליין — קאָנסט ניט פאַרשטיין.
אייל זיך צו — זאָל ליכטיק ווערן;
שווער צו גיין דעם וועג אַליין.

אָ, מיין זון — ס׳איז ניט קיין ריס
צווישן אונדז, חלילה,
נאָר עס וואַרפט די שולד מיך צו דיינע פיס, —
און אויף די ליפּן תמיד הענגט אַ תפילה . . .

כ׳נעם מיין שולד מיט בײדע הענט,
אַ שאָד נאָר, וואָס ניט מער ווי צוויי
כ׳פאַרמאָג. ווען כ׳וואָלט מיט זיי געקענט
נאָר אַ טראָפּן פאַרניכטן פונעם וויי.

וואָס נערט מיין לעבן מיט סם
און ער גיסט זיך אוים אויף דיר —
כאָטש אויסברענען דאַרף דער פלאָם,
דאָס אייגן לעבן אין מיר . . .

דער שלאָף — ער וואַכט פון מיינע ברעמען
און די טרערן גיסן;
כ׳וואָלט געוואָלט אַזוי דיין יונג לעבן נעמען
און אים צוריק אין זיך פאַרשליסן

אויף אַ צענדליק יאָר — ביז וועסט ווערן
גרוים און קלוג, ווי מ׳באַדאַרף . . .
עס זאָלן דער מאַמעס רייד, וואָס קאָנסט ניט הערן,
דערמאָנען דיך — אין קלאַנגען פון אַ האַרף . . .

וואָלסט אָפּגעשלאָפן אַ צענדליק יאָר,
פון געפאַרן אויסבאַהאַלטן;
ס׳וואָלט אויפגעוועקט דיך דער קאַיאָר
דורך שפּעלטעלעך און שפּאַלטן —

וואָלסט אויפגעעפנט דיינע ליכטיקע אויגן,
וואָס אינעם שלאָף וואָלטן זיי נאָך לויטערער געוואָרן,
און איך וואָלט פאַר דיר דעם שלייער פון דער זון אַראָפּגעצויגן,
זאָלסט דערזען די קאַיאָרן . . .

דערזען וואָלסטו אַ נייע וועלט, אַ נייע מאַמען,
געלויכטן וואָלסט און געשטויגט . . .
איך וואָלט אַ טרער פון פרייד געוואָלט מיט דיר צוזאַמען
פאַרגיסן — ווי איך בין געווען געוואוינט.

נאָר עם וואָלטן די אויגנדעקלעך און די ברעמען
שוין געזוכט ערגעץ ווייט —
אַלע טרערן וואָלטן זיך גאָר שעמען
דערמאָנט צו ווערן מיט יענער צייט.

וואָלסט דיין מאַמעס פנים, מיט די גרויע האָר
געוואָלט גלעטן מיט די הענט; —
עס וואָלט דער אָפּגעשלאָפענער צענדליק יאָר
די מאַמע ניט דערקענט.

און פון אַלע יענע „שולדן”, וואָס ווי דערנער
האָבן זיי די ערד געברענט אונטער די טריט,
וואָלטן פון דער זריעה אויפגעגאַנגען קערנער
פאַר דיין פרייד, און פאַר מיין ליד.

צו אים, דעם חבר

צו אים —
וואָס האָט דערהערט
די סודות פון מיין אומרו,
וואוהין זיי ציען,
און וואָס זיי דאַכטן,
און איז ניט מיד
געוואָרן צו וואַרטן.
מיט טיפן שווייגן
ווי דער טאָל —
אין צוויי אויגן
לויטערער קרישטאָל.

צו אים —
וואָס האָט געוואוסט אויף וועלכע
וועגן מיך צו זוכן,
און האָט ער מיך געפונען,
האָט ער דאָס וואָרט,
דאָס ריכטיקע,
ווי מיט אַ צויבער
פון זיך אַרויסגעשפונען,
און ס'האָט ווי אַ ווייסע רויז
אין צאַרטע הענט
זיין חברישקייט זיך צעבלעגדט.

צו אים —
וואָס האָט ניט געפרעגט
פאַרוואָס, פון וואַנען?
נאָר האָט מיין אמת,
ווי דעם ליכטיקן טאָג,
געזען און פאַרשטאַנען.
מיט טויזנט שלעסער
דאָס אייגענע האַרץ פאַרשלאָסן,
כדי מער און בעסער,
ווי ביטער-זיסן וויין,
טרינקען אייגענע פאַרדראָסן . . .

צו אים —
וואָס האָט ווי אַ כּישוף־מאַכער,
מיט אַלערליי קאָלירן,
און מיט נאַקעט
הוילן גלויבן,
אויסגעפורעמט אַ וועלט,
מיט טירן
און מיט שויבן,
ווי אַ ברודער,
ביי דער האַנט גענומען,
ניט געלאָזט דעם וועג אַהין פאַרלירן . . .

צו אים —
וואָס האָט תּמיד
מיט יעדן קער און ווענד געטראָגן
אין זיך דעם מענטשן.
און ס'האָט אָפט אַזוי
גענאָגט אַ טיפער באַנג,
צו קאָנען דאַנקען אים,
צו קאָנען בענטשן . . .
צו אים אַצינד
די טיפע פרייד — דעם דינסטן קלאַנג
פון מיין געזאַנג!

דינה קאַפּשטיין

דײַן געמיט —
די פרייִדיקייט אַליין.
אויף דײַן הויכן שטערן —
די שכינה פון דײַן יחוס.
אין די אויגן
דײַן טאַטנס חכמה,
אין דײַן לאַכעדיקער שטים
די פרייד
פון אונדזערע זיידעס יום־טוב,
און אין דײַן גאַנג —
די פּשטות פון דער גאַנצער וואָך.

דינה,
ס׳איז שווידער,
ס׳איז גרויל!
כ׳האָב געזען
ווי ס׳האָט די ערד
צעעפנט איר קבר־מויל
פאַר דײַנע אַכטאונצוואַנציק
לאַכעדיקע יאָר —
דיך אַרײַנגעשלונגען,
און געזאָגט:
ס׳איז וואָר!

און די זון,
אַזוי משוגעדיק,
האָט געלויכטן
און געקוועלט,
ווי זי וואָלט געפרייט זיך
וואָס דו —
אַכטאונצוואַנציק יאָריקע דינה —
ווערסט גאָלדענער שטויב
איבער גאָטס וועלט . . .

מיר האָבן זיך באַגעגנט

(די הירשביינס — געווידמעט)

מיר האָבן זיך באַגעגנט
אויף אַ באַרגיקן ראָג.
אין דרוק פון אונדזערע הענט,
איז אויפגעגאַנגען דער טאָג.

מיר זיינען נאָענט געוואָרן,
אין טרויער און אין גליק.
טעג און נעכט — פון יאָרן, —
געצויגן אויף אַ שטריק.

זיי קענען זון צעהאַנגען,
מיט לופט און ווינט געפרישט.
און עס זיינען אויפגעגאַנגען
טרוימען אויסגעמישט . . .

אויב מיר האָבן ווען געטראַכט:
מיר זיינען פרעמדע גאָר, —
האָט אונדז איצט אויסגעלאַכט
דער ליכטיקער קאַיאָר!

מיר האָבן זיך געזעגנט,
און האָבן זיך צעקושט;
פרישער טוי און רעגן
האָט אונדזער בלוט געפרישט.

מיר האָבן זיך געזעגנט,
אויף טרעפן זיך צוריק,
ווייל מיר האָבן זיך באַגעגנט
אין לויטערקייט פון בליק.

אַ גאַסט אויף יום-טוב

ס'איז געווען ערבֿ יום-טובֿ אויף דער וועלט.
אין מיין שטוב —
איז די שכינה נאָך געווען פֿאַרשטעלט.
כ'האָב געגרייט
חלה, וויין און פֿיש, —
אַ ווייסן טישטעך
אויסגעשפּרייט איבערן טיש,
און ליכט געשטעלט צום בענטשן.
דערנאָך די טיר געעפֿנט
פֿאַר אַ גאַסט אויף יום-טובֿ, —
פֿאַר אַ פֿרעמדן מענטשן!

איז אַריינגעקומען דער גאַסט,
און מיט אים צוזאַמען
האָבן געטאָן אַ בלענד
פֿון יום-טובֿ, די קדושה-פֿלאַמען . . .
דער ווייסער טישטעך
און דער רויטער כריין,
האָבן געשפּיגלט זיך אין שיין
פֿון די זילבערנע לייכטער, —
וואָס האָבן אַריינגעגלאַנצט אין וויין . . .
ס'האָט די שטוב צעשמייכלט זיך מיט חן.
פֿון גאַסט — דער מידער קאָפּ,
האָט זינגעוודיק גערוט . . .
און די ליפּן — ווי זיי וואָלטן געזאָגט:
„אין אידישער פֿרעמד" איז מיר גוט!

רייד זיינען געפֿאַלן איינציקע, שטילע,
אַ לויטער פֿליסטערן, ווי אַ תּפֿילה,
האָט איינגעהילטביים טיש די מסיבה.
אַיעדנס שטים געקלונגען האָט מיט ליבע
און מיט לויב צו דער השגחה, —
וואָס האָט אויף דעם יום-טובֿ
פֿאַרגרעסערט די משפּחה!

שפּעטער — האָבן שוין אַלע שעהן
וואָס זיינען געקומען
נאָך ביים עסן,
זיך פאַר די הענט גענומען,
אַריינגעוועבט זיך
אין טעג, און אין מעת-לעתן,
און ס'האָט די שכינה
שוין אַרומגעשוועבט אין הויז, —
גלייך מיין טאַטע וואָלט אַצינד, ווי גאָר אַמאָל,
מיט לייכטן טראָט זיינעם, און זיכערן קול,
דעם „גוט-יום-טוב" אַריינגעבראַכט פון קלויז . . .
און ס'האָט זיך געדוכט אויף וואָר:
ס'גייט מיין טאַטע צווישן אונדז אַרום,
מיט זיין שוואַרצן קאָפּ געדיכטע האָר,
מיט דער לאַנגער זיידענער קאַפּאָטע, און פרום
אין גאַרטל ער האַלט פאַרשטעקט די הענט, —
שווייגט חסידיש, און שמייכלט צו די ווענט . . .

שוין אַזוי לאַנג, כ'געדענק גאָרניט ווען, —
כ'האָב מיין טאַטן אַזוי לעבעדיק געזען.
איז עס היינט געווען באַשערט
אַזאַ מין שכר, אַזאַ געשאַנק —
נאָר גאָט אַליין האָט דאָס פאַרקלערט:
אַ „פרעמדער" וואָס איז ווי אַ ברודער אייגן געוואָרן,
און מיין טאַטנס וואַרעמער אָטעם, וואָס האָט געפראָרן
מיט די יאָרן . . .

אַוועק זיינען די טעג, און די מעת-לעתן,
ווען מיר זיינען מיטן גאַסט געזעסן, —
געטרונקען צער און פרייד
פון זיינע שטילע רייד.
גרענעצן און יאָרן
האָבן זיך אַוועקגערוקט, ווייט געוואָרן, —
געבליבן נאָענט איז אויף שטענדיק
דער מענטש, וואָס האָט אַזוי בלענדיק
אַריינגעטראָגן זיין צאַפּלדיק געמיט, —
און געבליבן רוען אין שורות פון אַ ליד!

מיין ליד צו רחל קאָרן

כ׳האָב קיינמאָל ניט געדריקט דיין האַנט,
כ׳האָב נאָר מיט דיר
אין דיכטער־לאַנד אַרומגעשפּאַנט.
תמיד האָט געשמעקט צו מיר
פון ווייטן —
ווי דער ריח פון פריש־געבאַקן ברויט —
דיין קאָרענע דערציילונג,
און דיין ווייצן־ליד.
פון ביידע —
פון היינט און פון פאַרצייטן —
האָט אַרויסגעשטראַלט
דער איד!

און איצט —
האָב איך אין דיינע אויגן —
צוויי תהומען —
נאָך ניט אַריינגעקוקט.
נאָר כ׳ווייס, דיין לעבן,
נסימדיק געראַטעוועט,
איז אַ וועקסל —
בלוטיק פאַרפּעטשאַטעוועט, —
אַן עדות:
אַזוי איז געווען,
און אַזוי איז דאָס!

דערציילן קענסטו,
ניט פון געטאָס דווקא, —
וואו דאָס אייגענע וועזן
איז געוואָרן אַ פּיאַווקע
און האָט ווילד און מיד
געזויגן סם
פון יעדן גליד . . .

ניט פון גאַז־אויוונס נאָר
וואָס האָבן געצונדן און צעברענט
גאָטס קאַיאָר
מיט וויי
פון אַ לעצטן אידנס אויסגעשריי . . .
נאָר דעם וואַנדער
און דעם וואונדער
פון דיין אידיש ליד,
וואָס איז אַביסעלע צעבלוטיקט —
נאָר נישט מיד . . .

שפּאַנסטו אַצינד —
ווי דיינע „איינאונדרייסיק קעמלען״, —
אַ אידיש קינד,
„געשמיסן אין די זייטן
מיט הונדערט גליענדיקע בייטשן,
מיט דעם חותם פון פאַרניכטונג״, —
נאָר —
אַ ווייזער און אַ פירער
איז דיין דיכטונג . . .

און איך —
אַ טאָכטער דיינע,
צי אַ יונגע שוועסטער,
בין באַשטראַלט אַצינדערט
מיט דער פרייד דער גרעסטער,
וואָס כ׳קאָן אויף דיין לעבן
אַ שהחיינו מאַכן . . .
און זאָל זיין געבענטשט
דאָס ווינקל וועלט,
וואָס וועט אויפשטעלן פאַר דיר
אַ נייַ געצעלט.
און ס׳וועט זיין אַ געלעגער דאָרטן,
אַ טיש —
און אַ ווייסער טישטעך . . .
און ס׳וועט נאָך שבת זיין,
און ליכט וועלן ברענען, —
(נאָר פון די שאָטנס צו דערקענען
אַלטע און נייע פלאַמען . . .)
און מיט שבת־יום־טוב שכינה —
פון דער פרומער מאַמען,
וועסטו דאָס לעבן אין דער אייביקייט
ווייטער שפינען!

צוויי לידער

(מײן אידישער שטאָט, װיניפּעג, געשענקט)

1

אַ לויב

אַ לויב צו דיר, אָ שטאָט!
מײן שטאָט פון יונגע טעג.
וואָס ניט אויסגעמיטן האָט מײן טראָט,
צו טרעפן ווידער, ווידער דיך אין וועג.
אַ לויב צו דער השגחה — דײנע וועכטער, —
וואָס האָבן אָפּגעהיט דיך ווי דו ביסט
ס'זאָל די מי פון דײנע זין און טעכטער
ניט זײן אומזיסט.
באַזונדער און צוזאַמען, —
אידיש לעבן האָבן מיר פאַרזייט.
וואָגל זעגלער איבער אַלע ימים —
פאַרוואָרפן און געשפרייט.
איז די זריעה אויפגעגאַנגען,
און האָט זיך צעבליט.
און מיך — דער גורל האָט געפאַנגען
צו זינגען אַ אידיש ליד . . .

איך בין צו אייך געקומען,
מיט דעם דאָזיקן פאַרמעגן.
און איר האָט פרייד, אַזוי ווי בלומען,
געשפרייט אויף אַלע וועגן.
מיין יעדער קלאַנג פאַרנומען,
איטלעך וואָרט אַריינגעזויגן.
שיכור מיר געמאַכט דעם גומען —
מיטן ליכט פון אייערע אויגן.
גרינג געמאַכט דעם יאָך פון לעבן, —
מיט אייער שטראַלנדיק געזיכט.
אַז כ׳ווייס ניט ווער ס׳האָט וועמען געגעבן
מער פרייד, און מער ליכט.
כ׳ווייס ניט און איך וויל ניט וויסן,
ניכטערקייט — איז ניט מיין גאַנג.
וואויל איז די וואָס קאָנען פאַרזיסן
טעגלעך ברויט, מיט געזאַנג.
וואויל איז די וואָס גייען אַנטקעגן
דעם דיכטער, ווען ער וואַנדערט מיד.
שפרייטן יום-טוב אויף די וועגן, —
און ווערן איינס מיט זיין ליד!

2

אויפן וועג צוריק

עס ציט זיך ווייט און ברייט דער שטח,
אויפן וועג צוריק.
מיר דוכט, אַז איך קלעטער, —
און איך פאַל פון גליק.
עס יאָגט די באַן און שלינגט דעם וועג,
כ׳בין אַן עדות דערויף.
עס קומען אָן אין ריי די טעג —
נעמען אַלע זיך צונויף.
פלעכטן אוים פון זיך אַ קראַנץ,
און טוען אָן זיך אויף מיין שטערן.
כ׳לאָז אַוועק מיט זיי זיך אין כישוף־טאַנץ —
פון זיין — און פון ניט ווערן . . .
רינגלען זיי מיך ווידער אום,
מיט שמייכל און מיט מורא.
בלייב איך זיצן שטיל און שטום,
אין לויטערן געדויער . . .

גלויבן איז מיין פאַרמעגן

גלויבן — איז מיין פאַרמעגן.
ווי דעם ריינסטן גאָלד
כ׳האָב אים געגראָבן —
אויף אַלע וואַנדערוועגן
ווי דאָס אויג פון קאָפּ
איך היט אים תמיד אָפּ.

גלויבן איז מיין פאַרמעגן,
כ׳באַהאַלט אים אוים פון דער וועלט —
אין מיין אָרעם געצעלט.
און אַנטקעגן
שטייען טורעמס הויכע
פון זון באַגילדט —
זייערע קרוינען
פינקלען זיי
און גלאַנצן . . .
דעמאָלט גראָב איך טיפער
און פאַרפלאַנץ
מיין פאַרמעגן
אין די ווינקלען
פון מיין געצעלט.
באַשיצט
פון האָגל און פון בליצן
ער שטייט אַזוי
און שמייכלט צו דער וועלט.

קומען פייגל
און זיי זינגען אויפן דאַך;
קומען מענטשן
און זיי בענטשן
מיט אַ שטילער שפּראַך.
אַמאָל
קומען אָדלערס
מיט פליגל־פלאַטער
און זיי ברענגען גרוסן
פון די הויכן,
און זיי קרייזן
אַרום דיין שטילן דרימל,
און זיי וועקן אויף אַזאַ מין באַנג —
אַז ביזן ווייטן הימל
באַגלייט זיי דיין געזאַנג.

עס טרעפט אַמאָל —
עס קומען ווינטן, רעגנס, שנייען,
ברענגען נאָר ווייען,
צינדן אָן אַ פייער —
און מיט כוח מיט גרעסטן
זיי גאַרטן אָן די לענדן,
מיט דער זון זיך צו פאַרמעסטן.
זיי נעמען פאַר אַ שוץ
דעם טייוול און דעם אָפּגאָט;
און פאַר דיינע שענסטע אוצרות
טראָגן זיי נאָר שפּאָט.

און דו — דו ווערסט
אַ זעמדעלע אין וואָגל
קעגן שווערן שטורעם,
וואָס שלאָגט דיך
מיט זיין האָגל,
נאָר דו פּעכסט זיך ניט —
(און בלייבסט ניט מיד)
דו הייבסט אויף די טריט
איבער אַלע ווייטע דערנער,
קלייבסט צונויף די קערנער
און טראָגסט אַוועק דיין ליד
אין דעם ווייטסטן שייער —
ביי דעם שלאָס בלייבט שטיין דיין האַרץ,
אַ שומר אַ געטרייער . . .
דעמאָלט ווערט גרינג
און לויטער צוריק די נאַכט.
עס בלייבן אַלע „געטער"
פון זיך אַליין גענאַרט.
און פון אַלע עקן וועלט
ציען געסט צו דיין געצעלט,
קומען גריסן,
קומען לויבן,
קומען דאַנקען
פאַרן גלויבן.

גלויבן — איז מיין פאַרמעגן,
ווי דעם ריינסטן גאָלד
כ'האָב אים געגראָבן
אויף אַלע וואַנדערוועגן.
ווי דאָס אויג אין קאָפּ
איך היט אים תמיד אָפּ.

אויף יענער זייט בריק

אויף יענער זייט בריק
איז די זון אויפגעגאַנגען.
אויף יענער זייט בריק,
אַנטקעגן מיין בליק,
הענגען זיידענע פאַרהאַנגען,
איבער דעם הימל און איבער דער וועלט –
אויף יענער זייט בריק
איז גאַרניט פאַרשטעלט . . .

צו יענער זייט בריק
איז אַ טראַט נאָר —
אַ שפּאַן!
און איך בין אויף ד ע ר זייט
פאַראַן!
יענע זייט בריק,
און די, —
אינמיטן דער האַדסאָן
און פון אויג מיינס
דער גלי . . .

אויף יענער זייט בריק,
צווישן קלאָר־ווייסע שטיינער,
שמייכלען ליכטיקע גראָזן.
אויף יענער זייט בריק,
אין אייזערנע שטאַנגען,
ליגט מיין לעבן געפאַנגען —
הונדערטער יאָרן אַזוי —
און וואַרט
אויף אַ לויטערער נאַכט,
אויף אַ צודעק אין בלוי . . .

אָדער גאָר —
ס'זאָל קומען אַ שטורעם
מיט רוגזה, געשווינד!
צעברעכן די שטאַנגען —
מיין לעבן באַפרייען . . .
און ווי שטיקלעך
און ברעקלעך ווינט —
אין דער וועלט
עס צעטראָגן, צעבלאָזן.

די באַלאַדע פון מענטשלעכע געפעכטן

די גאַסן זיינען עדות — ווי זי האָט איבער זיי געוויינט.
די הימלען זיינען עדות — ווי זי האָט איר האַרץ פאַרשטיינט.

זיי האָבן געזען אירע טריט זיך יאָגן,
ווען ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן;

געהערט דעם קרעכץ אין איר קני, —
פון מאַטערניש און מי.

ווי אַ שומר האָט דער עול געוואַכט ביי איר געלעגער,
מיטן קאַיאַר איז זי אַוועק — אַ הונגעריקער יעגער . . .

פול מיט יאַך באַלאַדן, און מיט דינעם טרוים
האָט עס איר אַוועקגעטראָגן — אין אַ וויטן רוים.

די גאַסן זיינען עדות — ווי זי האָט איבער זיי געוויינט.
די הימלען זיינען עדות — ווי זי האָט איר האַרץ פאַרשטיינט.

אַ גאָרטן האָט זי געפלאַנצט, פון האָפענונג און בלוי,
און ס׳האָט אים אָפגעהיט דער גערטנער—נאַסע טרערן אירע—
טוי.
עס האָט די זון געוואַרעמט, און געהיילט איעדן קרעכץ,
און דער ווינט געגערט האָט ווי מיט היימישן געקעכטס.

אין פרעמדע היימען, פאַרן קינד — געקויפט אַביסל גליק,
אַליין, ווי אַן אַקראָבאַט — דעם סכנה-וועג — געגאַנגען אויף
אַ שטריק.
פון קיין אויג באַוואַכט — פון קיינעם ניט געהיט, —
אין אַ טרויעריקער שעה — אויסגעזונגען אַ ליד . . .

די גאַסן זיינען עדות — ווי זי האָט איבער זיי געוויינט.
די הימלען זיינען עדות — ווי זי האָט איר האַרץ פאַרשטיינט.

ווי אַן אָפּגאָט — געטראָגן דעם שמייכל אויפֿן פּנים,
און אין איר קלייד — שטענדיקן פּאַסאָן,

נאָר פון יעדער פאַלד האָט ארויסגעשריען: דערקאָן אים
אין איר שטים, דעם פאַלשן טאָן.

זי האָט אין זיך אויסגעגראָבן אַ ברונעם, און פון אים געשעפּט,
מיט פעדימלעך פון גינגאָלד אים אַרומגעוועבט.

די פעדימלעך געצויגן, אין דער לענג און ברייט, —
און די שטראָף הינטער די אויגן — האָט אַ וועג געגרייט . . .

:: :: ::

איצט קוקן צו די הימלען, און די גאַסן הערן,
ווי אַ חלום ווערט פאַרלוירן אין אַ ים פון טרערן.

ווי עס קומט אַרויס דער מאָרגן, אין געלייטער פונעם נעכטן,
און עס לאַכט אין אים דער היינט — פון מענטשלעכע געפעכטן!

צו איר . . .

(איווא מאַגעד געשענקט)

צו איר —
וואָס כסדר
איז אָפן איר טיר
פאַר די —
וואָס וואַנדערן מידע
אויף וועגן אויף ווייטע
און זוכן
אַ מקום מנוחה.

פאַר די —
וואָס זיינען ווי ביימער
פאַרוואָרצלט אין באָדן.
דאַרבן און בליען
מיט אַלע סעזאָנען, —
נאָר הערצער זיי האָבן
פול מיט צרות
געלאָדן.

פאַר די —
וואָס שטראָמען
ווי כוואַליעס פאַרשוימטע
פון מעכטיקן ים;
פאַרטרונקען כסדר
מיט פרייד און מיט טרויער.
פון ליד
און פון גראַם.

צו איר —
וואָס איר וועג
איז אַליין
אַזוי קרום,
ווי ער איז גלייך.
נאָר דאָס האַרץ
מיט אוצרות פון לעבן
איז רייך.

צו איר — וואָס איז דאָ,
אין געלייטערטער שעה.
און אין מינוטן פון פיין, —
מיט איר שיין,
מיט איר גוטן געמיט.
צו איר —
צו איר אָפענער טיר,
ציט מיין ליד!

געוויין פון צניעותדיקע טעכטער

שווער איז מיר צו טראָגן דעם יאָך פון יענע טעכטער,
וואָס וואַקסן ווי קראָפּיווע אין גערטנער, —
און פאַרמאָגן, ווי אַנדערע גראָז, אַ גרינעם דעק, —
נאָר פון אונטער פאַרב
אַן אויסגעשריי אַזאַ:
אַוועק!
ווייל שטעכעדיק איז מיין באַריר.
אַוועק!
ווייל צניעותדיקייט איז איינגעפלאַנצט אין מיר . . .
אָ, איבערייסן וויל איך אַלע צאַמען
מיט די שטאַמען
פון צניעותדיקע טעכטער פון פאַרצייטן,
וואָס וויגן איין מיט תחינות: „ווי ביי לייטן".
פרעמד איז מיר אַזאַ וועלט —
מיין לעבן איז ניט דאָס לעבן פון אַמאָל,
יאָרן —
האָבן אויסגעגראָבן אַ טאָל . . .
ניט קיין קראָפּיווע —
נאָר בלומען מיט זוניקן קאָליר
דורשטן אין מיין גאָרטן נאָך רעגן, —
וואַרטן אויפן גערטנערס באַריר . . .

ווידער . . .

ווידער קושט די זון מיר אויס דעם שטערן,
און די אויגן מיינע שלינגען נאָדל-פּאָדים.
ווידער קאָן איך איצטער אַלצדינג הערן
אינעם שטילן זום פון זיידענע בגדים . . .

ווידער רוישן אין די אויערן מאַשינען,
און זיי שמייכלען צו מיר מיט גנאָד:
וואָס איז פון דיין צוריקקומען דער זינען, —
און פון דיין שווייגן — וואָס איז דער סוד?

ווידער וויג איך מיינע גלידער
אינעם שוים פון שווערער מי,
און עס שוימען אויף אין בלוט די לידער, —
און עס לעשן טרערן אויס דעם גלי . . .

די עלנטקייט

די עלנטקייט שטייט ביי דעם ראַנד פון דער וועלט,
ווי איבער אַן אבל געבויגן.
די עלנטקייט זעט ווי דאָס לעבן קווּעלט, —
און זי קוקט מיט ליידיקע אויגן . . .

די עלנטקייט זיצט אויפן שענסטן אָרט,
אויף אַ טורעם, אין גאָרטן, אין זאַל, —
די עלנטקייט רעדט ניט קיין הויך וואָרט —
נאָר איז דאָ איבעראַל . . .

וואו זענט איר גוטע פריינט?

וואו זענט איר גוטע פריינט —
פון נעכטן און פון היינט?

וואָס שווייגט אַזוי מיין טיר;
פאַרוואָס שפּיגלט ניט קיין שאָטן
פון אייערע געשטאַלטן
אויף די ווענט ביי מיר?

ווער האָט אייער פּנים
מיט די הענט פאַרשטעלט, —
ניט צו זען דעם וועג
צו מיין געצעלט?

וואו זענט איר גוטע פריינט,
פון נעכטן און פון היינט?

ווען עס ציען זיך די נעכט
אין אַליינקייט געהילט,
ווען ס׳קלאַפּט דער אומעט
מיט דינע פינגער, —
און עס דאַכט זיך, אויף קלאַווישן
ווערט אַ „איך־סימפאָניע״ אויסגעשפּילט . . .

וועלכער שטורעם האָט דעם וועג
פאַרווישט צווישן מיר און אייך?
ווי אַזוי קאָן וואַקסן ווילד־גראָז
אויף אַ גלאַטן שליאַך?

וואו זענט איר גוטע פריינט,
פון נעכטן און פון היינט?

צוצולייגן אַן אויער, זאָגן אַ וואָרט,
דאָרטן, אויפן זעלבן אָרט,
וואו איר פלעגט זיצן, שטיין, —
אין איילעניש אַריינקומען,
„דאַרפן אַוועקגיין" — און ניט גיין . . .

ווי קאָנען ליכט-סיגנאַלן
אָפּווישן די פאַרבן
וואָס שעמירירן
אין רעגנבויגן קאָלירן?

וואו זענט איר גוטע פריינט,
פון נעכטן און פון היינט?

ווען סע בלאָנקעט אום די שטילקייט,
און זי קאָן שטיל ניט זיין . . .
ווען עס בענקט דער טרויער,
ווי אַ מאַמע נאָך אירע קינדער, —
וואָס וויל אין שוים זיי נעמען
און אַ גואל זיין!

וועלכע פּאַלאַצן, וועלכע קרוינען
האָט איר פאַר אייערע „אמתן" באַשאַפן?
אָ, געלויבט זיי, מיין השגחה, וואָס קאָנסט שוינען
מיינע פריינט, און אויף דער פריינטשאַפט גאַפן . . .

דער ניט־גלויביקער

דער ניט־גלויביקער גלויבט ניט דעם ים,
מיט זיין שטורעם, זיין דראַנג,
אַז ער קאָן אַמאָל צעוויינען זיך סתם,
ווייל עס טוט אים אַ צי אַ שטילער פאַרלאַנג . . .

דער ניט־גלויביקער גלויבט ניט די כוואַליעס, וואָס יאָגן
מיט שטענדיקן רויש און געזאַנג,
אַז זיי קאָנען צוליב אַ פּערל צום גרונט זיך דערשלאָגן,
און אים כסדר באַשיצן אין כוואַליקן גאַנג.

דער ניט־גלויביקער גלויבט ניט דער זון, וועלכע וואַרעמט כסדר,
און היילט מיט די שטראַלן דאָס עלנט געביין,
אַז זי קאָן אַמאָל, נאָכדעם, צי איידער,
זיך פאַרגיין אין אַ בלוטיקן רויטן געוויין . . .

דער ניט־גלויביקער גלויבט ניט דעם ווינט,
וואָס לעבט ווי אַ ווילדער,
און ווייך ווי אַ קישן, איז אים איטלעכער דאָרן,
אַז ער קאָן אַמאָל, ווי אַ מענטש אַ מילדער,
צעוויינען זיך שטיל אויף אייגענעם צאָרן.

דער ניט־גלויביקער גלויבט ניט דעם טאָג
מיט זיין שטענדיקן ליכט,
וואָס בלענדט די אויגן מיט רייץ, מיט מאָרגן . . .
אַז ער האָט אַ האַרץ, און אַן אייגן געזיכט,
און ווייסט ניט פאַר ווען דערציילן די זאָרגן.

דער ניט־גלויביקער גלויבט ניט קיינעם, נאָר זיך אַליין.
ווייסט ער ניט טאַקע, אַז אונטער הויט פון דער שפּיל
איז דינסטער געזאַנג דאָ, און דינסטער געוויין?
אויף אַזויפיל ניט גלויבן — וואו נעמט ער געפיל?

די פרוי מיטן הונט

די פרוי מיטן הונט איז פון מיטעלע יאָר:
די פרוי האָט דעם הונט, און פריינט נאָך אַ פּאָר.

די פרוי מיטן הונט קוקט דורך אַ שפּיגל,
זעט זי ניט קיינעם חוץ אירע אייגענע פליגל.

זי פליט איבער מענטשן אַרויף אין דער הויך,
דער וועג איז געפלאַסטערט מיט ווינט און מיט רויך.

ווען זי קומט אויף דער ערד אַראָפּ פונעם הימל —
דערזעט זי די וועלט באַדעקט מיט אַ שימל.

זי גייט ביי דער זייט און היט זיך מסוכן —
דער וועלט אין פּנים גלייך ניט צו קוקן.

די פרוי מיטן הונט — איז אַן איידעלע דאַמע,
אַלץ וואָס זי ווייסט האָט זי געבראַכט פון דער מאַמען.

די פרוי מיטן הונט זוכט אַן אַנדער וועלט,
פאַרבלענדט איז דאָס ליכט אין אייגן געצעלט.

פירט זי דעם הונט, דאָס קינד ביי דער זייט,
און חלומט פון גליק אין דער פרעמדער ווייט.

און דאָ, אינדערהיים, וואו עס וואוינט די פרוי,
איז העפּלעך, און לעבלעך, און גרוי. —

איז ענג אינעם רוים פון די גערוימע חדרים,
ווייל איינזאַם דאָס וואָרט איז — און אָרעם!

ליידיק די שטוב, כאָטש דער מענטש דאָרטן לעבט,
ווייל דער שאָטן פון הונט איבער אַלצדינג שוועבט!

דער טאָג איז צעשפּאָלטן אויף ליידיקע שעהן —
ווען עס שטיפט דער הונט, און ווען ער מוז רוען.

און אַלצדינג אַ חוץ וואָס אינעם טאָג עס געשעט,
איז ווי אַ בייזאַך, וואָס קוים מ׳דערזעט. —

אַלצדינג אַרום, וואָס ברויזט און וואָס רוישט,
ווערט אויף דער הינטישער פרייד אויסגעטוישט.

און „איידל״ איז זי תמיד, די גנעדיקע פרוי,
כאָטש נעם און קנעט אוים אויך ד י י ן לעבן אַזוי.

כאָטש נעם און פאַרמשפּט אויך זיך אויף געלעכטער —
אָ, שטראָף מיך ניט, גאָט, פאַר די דאָזיקע ווערטער!

ליבשאפט

***

האָסט קיין בריוו מיר ניט געשריבן,
און קיין אָנדענק ניט געלאָזן,
האָב איך דיינע ווערטער אויפגעקליבן, —
און ווי אין אַ וואַזע — גראָזן —

בליען זיי. און אויב זון און רעגן
קאָן ניט נערן זייער שטאַם,
היט איך דעם פאַרמעגן
מיט מיין פלאַם.

וואו?

וואו שפּרייטן זיך די אָוונטן,
וואָס בענקען
אין דער נאַכט,
אַז דו
און איך
האָבן ניט געוואַכט?

וואו קומט אַהין די שטילקייט,
דער ווייסער צויבער
אויף די וועגן —
אַז דו
און איך
קומען ניט אַנטקעגן?

וואו גייען אויס די שעהן
אין רויטע
שקיעה־פלאַמען —
אַז דו
און איך
זיינען ניט צוזאַמען?

ס׳קאָן זיין . . .

ס׳קאָן זיין —
כ׳האָב דיך אין יענער נאַכט
ניט געזען, נאָר אויסגעטראַכט.
ס׳קאָן זיין —
כ׳האָב געזאָגט: „ביסט פאַראַן!"
נאָך ווען
ס׳האָט געוויגט דער ווינט דעם עראָפּלאַן . . .

ס׳קאָן זיין —
ס׳האָט פון ווייטן דיך אַהערגערופן
אַ דינער קלאַנג פון סטראָפן,
אַ שטילע, ניט-דערזאָגטע שורה . . .

ס׳קאָן זיין — ס׳איז אַזוי געווען,
און אפשר גאָר
האָב איך אין רעיון אַלץ געזען.
אויף זיכער ווייס איך נאָר:
ס׳האָט אַ זונג געטאָן
און ס׳האָט צעוויינט,
(מסתמא אין אַ בלויעם קאַיאָר)
דאָס געמיט —
און ס׳האָט געמיינט:
אַ ווייטער דיכטער
נאָענט קאָן ווערן, ווי זיין ליד . . .

אויף וואָר
כ׳קאָן שווערן,
כ׳האָב געהערט דיין שטים אין מיינע אויערן:
„גיי ווייס —
אין פרעמדער שטאָט גאָר,
צווישן מויערן,
אויף הארטן באָדן פון גראַניט —
איז אַ שטילער בוים
פאַראַנען אינדערמיט!״

דער בוים איז דאָ,
און וועט דאָרט שטענדיק זיין!
פאַרגעדענקען וועט ער מן הסתם
און וועט פאַרשרייבן: „שיין
און אייביק איז אַ נאַכט״ —
און אַז מ׳וויל,
איז קיינער דאָרט ניט אויסגעטראַכט...
און פונקט ווי פון בוים דאָס אָרט,
אַזוי וועט בלייבן
דער אמת פונעם וואָרט,
די גאַנצע פרייד, און פּיין, —
נאָר, אָ, די פּיין, —
אַ שאָד, וואָס זי וועט אייביק זיין...

באַלאַדע וועגן שורות אַכט

איך אַ שטילער בלויער נאַכט,
האָב איך אויפגעשריבן שורות אַכט.
אויף אַ ווייס בייגעלע פּאַפּיר —
אַ מתנה פאַר דיר.

ניט מיט וואָגן, ניט מיט באַן,
ניט מיט הויכן עראָפּלאַן,
ניט מיט גרויסע שיפן,
וואָס שניידן ימימס טיפן, —

וועל איך מיין בייגעלע פּאַפּיר
אַוועקשיקן צו דיר.
ווי אַ ניי געבוירן קינד,
אויף די פליגל פונעם ווינט,
כ'וועל צו דיר זיך לאָזן טראָגן
ביז ס'וועט אָנהויבן צו טאָגן . . .

וועלן די שטראַלן פון דער זון
דיר דערציילן דערפון, —
אַז צו דערגרייכן דיין געצעלט
האָב איך געלאָזט אַ גאַנצע וועלט.
מיטגענומען — נאָר מיין ליבע און לעבן —
אויב מ'וועט דאַרפן — עס אַוועקצוגעבן . . .

און אַז דו וועסט אין באַגינען
שורות מיינע אויף דיין שוועל געפינען, —
לייען זיי ניט, מיין ליבער — וואַרט
ביז ס'וועט אָנקומען די נאַכט.
דעמאָלט גיי אַרויס אין מיטן וועג,
וועסטו הערן די שטילקייט זאָגט: מ'מעג!

זאָלסטו אָנהויבן לייענען וואָרט נאָך וואָרט,
ביז וועסט אָנקומען צום אָרט,
וואו איך האָב די פּערל אויפגעקליבן —
די שורות אָנגעשריבן.
און אויב דו וועסט, מיין ליבער, דאָרט מיך ניט געפינען, —
זוך אין שורות אַכט — דער זינען!

איך רייס דיך

איך רייס דיך מיטן וואָרצל,
איך רייס דיך מיטן ביין!
איך רייס מיט קראַפט
פון דיר —
אויך זיך אַליין.
איעדער ריס —
מיט בלוט פאַרלאָפן איז . . .
לעק איך אויס דאָס בלוט
מיט אייגענער צונג,
און כ׳אָטעם איין
צוריק דיך
מיט איעדן שלונג . . .
נעם איך רייסן די צונג
מיט מיינע פינגער צען, —
כ׳וויל אַ בלוטיקן דיך
אין די הענט שוין זען!
ליגט מיין צונג פאַרפּייניקט,
אָנגעצונדן רויט, —
און איך מיט דיר — פאַראייניקט
אין לעבן און אין טויט!

מיידל פרעמדע

מיידל פרעמדע, כ'האָב דיך ליב,
ווייל מיין געליבטער האָט דיך ליב.

כ'וועב דיך אין מיין חלום איין,
דורך דיר — כ'וועב אים אַריין.

כ'צערטל דיך אַזוי ווי ער,
און באַהאַלט מיין הייסע טרער . . .

כ'גיי ביים זייט, „כ'בין דער נאַר" —
און טרינק, ווי ווייַן, מיין שטילן צער.

ער קרעפּטיקט מיך, און ער צעברעכט, —
שווער איז, מיידל, זיין געדעכט . . .

דו ביסט, מיידל, יונג און מילד,
ער פון דיר — מיט שיכרות ווילד.

און, ווייל ער פאַרדעקן, אויסבאַהאַלטן,
שפּאַרט זיין פרייד זיך דורך די שפּאַלטן . . .

מיידל פרעמדע, כ'האָב דיך ליב,
ווייל מיין געליבטער האָט דיך ליב . . .

אַ פּייער שפּיל

הייסט עס גאָר — ס'זיינען די יאָרן?
די פּשוטע דאַטע אויפן קאַלענדאַר!
ווייל אַביסעלע צו שפּעט געבאָרן, —
דערפאַר אַזאַ מין שכר . . .

הייסט עס — כ'דאַרף דיינע „קלוגע" רייד
אויסהערן, שאָקלען מיטן קאָפּ אויף יאָ!
ניט זען ווי עס צאַנקט די פרייד
אויף אַלע פּעדים פון דער שעה . . .

ניט זאָגן, און ניט פרעגן גאָרנישט,
פאַרוואָס דו פלאַפּלסט אַזאַ „טיפן זין", —
כאָטש ס'איז ניטאָ אַ האָר נישט
אמת אין דערין . . .

שווייג איך, און כ'הער זיך צו:
ס'הערט דער ווינט מיט מיר, און לאַכט,
ווי ס'האָט גאָט — אין אַ מינוט פון בלויער רו —
זיך מיט אונדז אַ פייער-שפּיל געמאַכט . . .

כ׳האָב זיך געזאָגט

כ׳האָב זיך געזאָגט:
געזאַנג פון לייב
איז אויכעט ליד!
און ס׳ווערט אַמאָל די נשמה מיד,
פאַרבענקט זי זיך
נאָך מענטש, נאָך מאַן, —
איז אין דעם שיינקייט אויך פאַראַן!
כ׳האָב זיך געזאָגט:
עס איז מיין שולד,
וואָס איך בין יונג
און בין אַ נאַר, —
ווייס ניט ווי אַזוי אויסלעבן דעם צער . . .
צייט שוין אויפהויבן די ברעמען, —
מ׳טאָר אַ לעבן ניט פאַרשעמען . . .
האָב איך צוגעהערט דעם רוף פון לייב,
און געזאָגט: כ׳וועל זיין דיין ווייב!
בין איך געגאַנגען מיט לויטערן טרויער
צו דעם פּאַלאַץ — דורכן טויער, —
כ׳בין אָנגעקומען צו דער טיר,
און דערהערט אַ שטים אין מיר:
„ליד פון לייב" —
ווי רופט מען עס?
מיט א י י ן נשמה
איז עס מת!

**
*

כ'פֿאַרלאָז מיין היים,
ס'רופֿט די גאַס מיך
אומרואיק אַוועק.
כ'זאָל פֿאַרלירן
„צווישן יאָ און ניין" —
די שעה, —
ווען ס'וועט דיין קול מיך רופֿן,
אַנווייען די שרעק
פֿון ווידער גיין
דעם גאַנג דעם געפֿערלעכן אויף אַ שטריק —
און מיינען ס'איז אַ בריק . . .
כ'פֿאַרלאָז מיין היים
און כ'לויף —
וואוּהין?
כ'פּלאָנטער זיך ווי אַ שפּין
אין אייגענעם שפּינוועבס
טיפֿער איין, —
כ'וויים ניט ווען,
כ'וויים ניט וואו
ס'קאָן בעסער זיין.

דאָ

דאָ האָב איך דיך ליב געהאַט,
דאָ, אין יעדן קנאָספּ און בלאַט

האָב איך ווי זריעה פאַרזייט, מיין בענקען,
און ס'האָבן די שפּראָצן געשוואוירן: געדענקען!

דאָ, ביי יעדן ביידל, און ביי יעדער טיר
האָב איך געוואַרט אויף דיר . . .

ביסט ניט געקומען. ניט אין אָוונט, ניט אין פרימאָרגן,
האָב איך טיף אין זיך מיין בענקען פאַרבאָרגן

און דיר נאָכגעגאַנגען יעדן שפּאַן יעדן טראָט,
ווי ס'גייט נאָך אַ גלויביקער זיין גאָט.

דאָ, אויף יעדן שליאַך, אויף יעדן וועג
ליגן, ווי בלוטיקע רויזן, צעוואָרפן מיינע טעג.

דאָ, אין יעדן צווייג, אויף יעדן בוים,
הענגט אַ בלויער צייכן — מיין טרוים!

גיב אים כוח

גיב אים כוח, גאָט, צו באַשיצן מיך מיט שאַרפער זייט
פון שווערד,
אפילו אַז פון אַזעלכע גלעטן קאָן דאָס האַרץ צעקלאַפּן זיך —
און פאַלן אויף דער ערד.

גיב אים כוח, גאָט, עס זאָל זיין גנאָד פאַר מיר ניט אָטעמען
מיט ליוב,
ווען עס שרייט מיין וואָרט אין מיר „ניין", קוועלט מיין פרייד:
„איך גלויב".

גיב אים כוח, גאָט, צו זיין אַ שופט און טראָגן מיך אין זיין בלוט,
איך זאָל זיך ווערן, כעסן, און אין האַרצן ענטפערן: „ס'איז גוט!"

נאָך זיין אַוועקגיין . . .

געבליבן איז אַ פּערטל פונעם וויין אין פלאַש,
דער רויך פון סיגאַרעטן, און אַ סך, אַ סך אַש.

געבליבן זיינען די בלומען אין וואַזע, וואָס ער האָט
אַריינגעטאָן אַליין,
און דער בלויער שמייכל — דורך די מענערישע ציין . . .

געבליבן די שמאַרצן אויף מיינע באַקן פון לעצטע קושן
ביי דער טיר, —
זיין רייסן זיך אַוועקצוגיין — און דאָס קלאַמערן זיך אָן מיר.

געבליבן איז די פּיין, און פרייד, צו הערן דעם אמת
פון יעדן וואָרט,
אין מיין שטוב — זיין אָטעם, און אין יעדן ווינקעלע
פאַר אים אַן אָרט . . .

צו דיר

צו דיר, דו שרעקלעך ווילדער, שטאַרקער, ליבער מאַן,
וואָס אין דיינע בלויע אויגן איז די צאַרטקייט
פון דער וועלט פאַראַן.

צו דיר — דו שטענדיק שטילער, גוטער מאַן,
וואָס אין דיין שטרענגקייט איז קיין טראָפּן האַס פאַראַן.

צו דיר — דו תמיד מיינער, פרעמדער מאַן,
וואָס אין דיין באַזונדערקייט ביסטו מיט מיר פאַראַן.

צו דיר מיין גלויבן און מיין בענקען,
און דער דאַנק — פאַר לערנען מיך צו קאָנען שענקען!

**
*

כ׳האָב געוואָלט דיר זאָגן:
אַז מיט די ליידן אינאיינעם
ביסטו פֿאַרגאַנגען!
און מער
בין איך שוין ניט געפֿאַנגען!
אַ שוועסטער פֿונעם ווינט
בין איך אַצינד.
אויף דער ערד
איך טרעט מיט ביידע פֿיס.
עס זיינען מענטשן מיר שוין מער ניט מיאוס,
נאָר דערפֿאַר,
ווייל דיך
האָב איך אינגאַנצן שוין פֿאַרגעסן . . .
אַזוי האָב איך געוואָלט דיר זאָגן.
בין איך לאַנג ביי דעם פּאַפּיר געזעסן,
און דאָס האַרץ
האָט גיך אַזוי און שטאַרק געשלאָגן,
ווי ס׳וואָלט געוואָלט אַצינדערט
מ י ר גאָר זאָגן:
צו וואָס דיין שרייבן און דיין מעקן,
ס׳וועלן ווערטער דיר ניט קלעקן
צו דערציילן דעם אמת!
נעם דאָס ליד און לייען עס איבער, —
צי איז דאָס אויף עפּעס אַנדערש ניט אַ רמז?

די באַלאַדע פון קאַרגן וואָרט

ער — מעסט די ווערטער מיט אַ ווירע,
און ער לייגט זיי אויף דער וואָג,
זיי זאָלן פאַרהיטן אים, ווי אַ שמירה,
פון אַן איבעריקן זאָג.

זי — זויגט ארוים אַ פינגערהוט גליק
פון זיינע קאַרגע רייד;
בויט אין דמיון אוים אַ בריק,
אויף שטאַנגען פלאַטער־פרייד.

ער — הערט ניט
פון זיינע קאַרגע רייד די קלאַנגען,
וואָס גאַרן נאָכן שניט,
מיט טויזנטער פאַרלאַנגען . . .

זי — דער שניטער און דער זייער,
בענטשט די זריעה שטילערהייט.
דעקט זי איין מיט בלויען שלייער —
און ווישט די נאַסע טראָפּנס פרייד.

ער — אַנדערע ווערטער אויפן צונג,
פאַרמאָגט זיי ווען ער דאַרף;
זיי קומען שפּילעוודיק און יונג,
זיי קומען מעסערדיק און שאַרף!

זי — נעמט דאָס מעסער מיטן שאַרף,
און שטרעקט איר לייב דערצו נאָך אוים;
יעדער שניט, ווי אַ האַרף,
גיט אַ צויבער קלאַנג ארוים . . .

ביי דער טיר . . .

כ'בין מיט אים געגאַנגען צו איר —
און געבליבן שטיין ביי דער טיר . . .

כ'האָב געזען, דאָס ליכט אין זיינע אויגן
מיניעט זיך ווי אַ רעגנבויגן.
געהערט זיין האַרץ, ווי עס קלאַפּט גיך
פון דער פרייד, וואָס רויטלט זיך . . .

עס זיינען געפאַלן רייד — פרעמדע קלאַנגען!
פאַרוויגט האָבן מיך אַנגסט-געזאַנגען . . .
די בליקן מיינע, און דער שמייכל,
האָבן טרייסט געזוכט ביי דעם שכל!

און נאָר מיין האַרץ אין מיר —
איז מיט מיר געבליבן ביי דער טיר . . .

כ׳דאַנק דיר, שטן

כ׳דאַנק דיר, שטן,
וואָס האָסט מיין געבעט דערהערט!
(אין די לאַנגע שווארצע נעכט)
און אים באַשאָנקען מיט געפיל.
איצטער זוכט ער אַ קוואל,
וואו דעם דורשט צו שטילן . . .
אָ, שטן,
לאָז ניט פון מיר,
שוויינ!
כ׳וויים:
דיין „גאָב" איז מיר אַ שטייג, —
און אים —
אַ טורעם צו דערגרייכן!
עס שטראַלט דאָס ליכט אים פון די הייכן . . .
אָ, שטן,
פיר אים צו דער זון,
זאָל ער זי אָנרירן מיט די פינגער —
און פרעג ניט
צי וועט דערפון
מיר ווערן גרינגער . . .
פיר אים, שטן, צו די הימלען,
זאָל ער חלומען און גליען, —
און אין פייער זיך צעבריען!
פיר אים, שטן,
צו דער טיף פון ים, —
אפשר —
אינעם שטראָם
וועט ער לייטערן זיך
און פאַרשטיין,
אז אַ הארץ קאָן זינגען
מיט דער וועלט —
און וויינען מיט זיך אליין . . .

מאַכסט זיך נאַריש . . .

מאַכסט זיך נאַריש — און פאַרדעקסט
זילבער פעדים אין די שוואַרצע האָר.
מאַכסט זיך נאַריש — און דו פרעגסט ·
דאָס וואָס איז שוין לאַנג דיר קלאָר . . .

מאַכסט זיך נאַריש — זאָל מען מיינען,
ביסט פאַרגלויבט אין אייגן פלאַפלען;
וויקלסט איין אין טויזנט חנען
קאַלטן בליק אין זיין שוואַרצאַפל . . .

מאַכסט זיך נאַריש—קלאַפּסט דאָס האַרץ אין שטיין,
און ווילסט נאָך, פונקען זאָלן שפּריצן,
ווייל דו קאָנסט דעם וועג צוריק ניט גיין, —
זוכסטו רו — אין שוים פון בליצן . . .

**
*

כ׳הער אַ שטים אין מיר: — ס׳איז אומזיסט!
און איך ענטפער: — כ׳וויל דיך זען נאָך ווי דו ביסט.

כ׳הער אַ שטים אין מיר: — תמיד גלויבן איז ניט גוט!
און איך ענטפער: — כ׳קאָן ניט איבערפאַרבן מיין בלוט.

כ׳הער אַ שטים אין מיר: — זיי ניט מוחל אַלע ווייען!
און איך ענטפער: — זאָל דער כעס אַליין זיך פרייען.

כ׳הער אַ שטים אין מיר: — ביסט קלוג, און ביסט אַ נאַר!
און איך ענטפער: — ווער קאָן אָפּוועגן שכר? . . .

דער שפּאַציר

ס'האָט דער אָוונט
זיך ווי אַ לאַנגע
שוועדע קרענק געצויגן.
וועלטן זיינען אויפגעקומען
און אויסגעגאַנגען
אין ליכט פון מיינע אויגן.
איבער אַזויפיל ברייטע
און שמאָלע שליאַכן
האָבן מיר אומגעשפּאַנט.
יעדער טראָט
האָט זיך ווי שווערע ציגל
אַוועקגעלייגט
איינס אויף אַנדערן,
איינס אויף אַנדערן . . .
אַ הויכע וואַנט
איז אויסגעוואַקסן צווישן אונדז.
מיר האָבן געשפּאַנט און געשפּאַנט,
דו האָסט פון לאַנגוויל אָנגענומען מיין האַנט.
אין ליידיקייט פון וואָרט,
האָבן זיך די הענט
פאַרלוירן אויפן אָרט . . .
מיר זיינען נאָענט געווען איינס פון אַנדערן,
נאָר ווייט — אין וועלטן באַזונדערע
זיך געזען וואַנדערן!
מיר האָבן גערעדט —
נאָר דאָס וואָרט דאָס לויטערע
איז ניט געקומען.
דו האָסט מיט שטאַרקע הענט
מיך אַרומגענומען . . .
ס'איז געווען באַריר
פון מאַן צו פרוי — ניט מער.
מיר איז אומעטיק געוואָרן
און שווער . . .

ווען האָבן זיך געשלענגלט, געדרייט,
פרישע ריחות, טונקעלע שאָטנס
האָבן ניט געצויבערט, ניט געפרייט . . .
מיט יעדן ווייטערדיקן שפאַן
האָב איך געפילט:
איבער מיין קאָפּ
עס לאָזט זיך אַראָפּ
אַ שווערע שטראָף!
מיר זיינען נאָך אַלץ געגאַנגען
צו אייביקער רו —
באַגלייט די געזאַנגען . . .
ס׳איז געווען גאָטס קללה,
וואָס האָט דעם גומען געברענט מיט רייד,
אָנשטאָט ליכטיקן באַשייד.
די קללה —
ווי שווער זי איז געקומען, —
מיט האַרץ צעבלוטיקטן
כ׳האָב זי אָנגענומען!
איצט —
זי פייניקט און זי ברענט, —
ווי ס׳האָט געפייניקט דער באַריר
פון דיינע מענערישע הענט . . .

ר י י ד

1

ווי קאָרן־זאַנגען אין אַ פעלד
האָב איך מיינע רייד געזייט.
און אויפגעגאַנגען
איז אַ שטומער שווייגן
אין די גראָזן,
אויף די צווייגן.

ווי ווייסע טויבן אויף דער פריי —
האָב איך זיי געלאָזן, מיינע רייד,
און ווען זיי זיינען
פאַרוואונדעטע געבליבן ליגן,
בין איך ניט געווען דערביי . . .
כ'האָב מיין הארץ נאָר,
אַ מידן אָדלער —
צווישן שטומע גראָזן
אָפּרוען געלאָזן.

2

ווידער איז דאָס גליק געקומען.
ווידער, שטראָמען רייד
פון אַלע קוואַלן,
נאָר זיי מיידן אויס דעם גומען.

ווידער פרייד, און ווידער פיין,
פון נידערן און שטייגן;
און מער פון אַלץ די פרייד
פון קאָנען שווייגן . . .

צו אַ פֿרוי

האָסט מיך געלאַדן אין דיין הויז,
און אָפּטער גאָסט געבעטן זיין.
זאָג איך דיר אַ סוד איצט אויס:
ס׳איז דיר פֿאַרבלענדט געווען די שיין!

האָסט זיך געחידושט, און געבעטן:
פֿאַרוואָס איך וויל ניט קומען?
ניט געזען ווען מיינע אויגן גלעטן, —
וואָס כ׳האָב ביי דיר פֿון שטוב אָוועקגענומען . . .

דיין אומשולד און דיין פֿרייד
איז מיר שווער געווען באַנעמען.
אין די פֿאַלדן פֿון דיין קלייד
האָבן געשיצט זיך מיינע ברעמען . . .

האָסט ניט געזען מיין שמייכל,
ניט פֿאַרשטאַנען מיין באַשייד.
כ׳האָב ביי דיר געגנבעט דעם שכל,
אים איינגעוויקלט אין רייד.

דערנאָך — האָב איך דיך ניט געקענט.
ווי אַ בליץ ביסטו פֿאַרביי!
ס׳איז ניט אין מיר געווען געווענדט, —
אין בלוט געזונגען האָט דער מאַי . . .

כ׳האָב ניט געוואויגן, ניט געמאָסטן
מיינע טריט אין וועג.
ניט געוואוסט די קאָסטן
פֿון זומערדיקע טעג . . .

ס'האָט זיך געדוכט — אַ לעבן לאַנג
וועט דער זומער ביי מיר וואוינען.
איצט — זאָג איך מיט געזאַנג:
מער וועל איך דיך ניט מוזן שוינען.

איצט קאָן איך יאָ און ניט דיך זען, —
ס'איז אין גאָרניט די מניעה.
צווישן אונדז וואָס אַזוינס איז געשען, —
האָט דען ד י י ן בלוט אויפגעריסן ווי א קריעה?

איצט — כ'קאָן יאָ און ניט צו דיר קומען.
ביסט דאָך די זעלבע וואָס אַמאָל, —
מיין העלן צער האָסט דעמאָלט ניט באַנומען, —
די געלייטערטקייט אַצינד—וועסט ניט דערקאָנען אין מיין קול...

שטאָטישע וועלדער

שטאָטישע וועלדער — ווי הייסן זיי?
ס׳רופט מיך אַהין, און איך גיי!

שטאָטישע וועלדער — וואָס איז דאָרטן דאָ?
שטילקייט און יום־טוב, אַ חיי־שעה!

שטאָטישע וועלדער — ווער היט זייער פּראַכט?
ס׳היט זיי מיין אומרו אין לויטערער נאַכט!

שטאָטישע וועלדער — מיט צויבער פאַרבויט, —
סודות פון לעבן מ׳האָט זיי פאַרטרויט . . .

שטאָטישע וועלדער — מיט לופט און מיט ווינט, —
פון זיי כ׳בין אַ גרעזל; מיט זיי — אַ קינד!

עס יאָגט די באַן

ס'יאָגט די באַן ווי אַ וויכער, —
איך — יאָג זי אַריבער.
כ'וויל אַהיים קומען וואָס גיכער,
ס'וואַרט אויף מיר מיין ליבער!

ס'לויפט די באַן און שלינגט דעם וועג,
כ'קאָן איצט גאָרניט זאָגן.
ס'לויפן נאָך מיר אַלע טעג
און ווילן מיך דעריאָגן . . .

ס'יאָגט די באַן — איך מיט איר,
כ'צייל די רגעס אויס.
עס לויפט דער הימל איבער מיר
און וויגט זיך אין מיין שויס.

ס'יאָגט די באַן — איך נאָך מער, —
אַזויפיל טעג פאַרגאַנגען . . .
אין אויג פינקלט אויף אַ טרער,
און ס'ציטערן פאַרלאַנגען.

הייזער שטילע שטייען ווייט,
ביימער היטן זייער רו.
ס'מישט זיך אויס רוים און צייט,
און נעענטער ווערסטו.

ס'קומט די באַן שוין אָן, אָט־אָט,
און איך — בין לאַנג שוין דאָ.
כ'גיב זיך אָפּ אין איר באַראָט —
געבענטשט זאָל זיין די שעה!

צוויי וואזעס

איינע אַ קליינע, אַ דינע, אַ גרינע,
אין איר — דריי ווייסע גאַרדינעס.

די צווייטע אַ גרויסע, אַ פולע, אַ געלע,
און אין איר — די בלומען זיי פעלן.

אין דער ערשטער — דריי בלומען, ווי שטאַנגען,
די צווייטע שטייט ליידיק, און שווייגט מיט פאַרלאַנגען . . .

אין דער ערשטער — די בלומען זיי לעבן — אָן לעבן,
ווייל ס׳האָט זיי ניט דער וואָס געדאַרפט מיר געגעבן.

אין דער צווייטער די בלומען זיי פעלן, נאָר מיניען,
און קוועלן דאָס האַרץ מיט אַ ריח פון גאַרדינעס.

אין דער ערשטער די בלומען זיך טוליען עלנטע, שטילע, —
פון דער צווייטער גייט אויף אַזאַ צערטלעכע תפילה.

זי שוועבט אום אין שטוב, אויף די ווענט, אויפן דיל —
און זי נעמט אויך דאָס האַרץ מיינס אַריין אינעם שפיל . . .

און עס גרויסט זיך די וואַזע די צווייטע, די געלע,
זי פילט שוין ניט מער, ווי די בלומען איר פעלן.

זי שטראַלט שוין אַצינד מיט פרישע קאָלירן,
און זי פילט שוין דעם גלעט פון פינגער באַרירן.

שטייען צוויי וואַזעס — שוין פולע מיט בלומען,
און דער וואָס געדאַרפט איז אויבעט געקומען . . .

אין דיין געצעלט

איך האָב זיך איינגעשלאָסן
אין דיין געצעלט,
וואָס האָט אַ דאַך, פיר ווענט, —
און די גאַנצע וועלט!

:: :: ::

אין אַ ווינקל,
אויף אַ בענקל, —
אַן אָנגעלאָדענער פּאָרטפעל,
ליגט האַלב-פאַרמאַכט —
מיד. —
פאַרטראַכט מיט טויזנט טראַכטונגען
פון אַ איד!

אויף די טישן, ביי דער זייט,
ביכער
אויסגעשטעלט
און אויסגעלייגט, —
יעדער נאָמען,
יעדער טאָוול מיט זיין קאָליר, —
דערציילט מעשהלעך אָן שיר . . .

די אָרעמע בילדער אויף די ווענט
דערמאָנען:
ביסט אַ גאַסט דאָ
אין דער פרעמד.
נאָר אין וואָגל-וועג
ווערט יעדער ווינקעלע
אייגן, ווי אויף לייב דאָס העמד!

אויף דיין שרייב-טיש —
בריוו, אַדרעסן,
קאָנווערטן אויפגעעפנטע,
צעשניטן,
און אַ בילד
פון דיין שוועסטערל
אינמיטן!

זי — מיט יונגן, האַרציקן געלעכטער,
וואָס דערמאָנט:
פון נישטאָ-מעריקע טעכטער . . .
מיט געלעכטער, וואָס דערציילט:
נאָך שטאַרקער פונעם טויט
איז דער גערעכטער.

זי האָט דיך אָנגעגאָסן מיט אַ טרויער, —
אַלטער ווייַן —
ער זאָל אויף דיין וואַנדער-וועג —
דיר אַ שומר זיין . . .
זי האָט אויפגעפלאַמט דאָס ליכט
אין דיינע אויגן, —
און סע ברענט,
און עס פינקלט —
אַפילו דאָרט,
וואו געדוכט האָט זיך
עס טונקלט . . .

זי האָט אַנגעגורט דיר דײַנע לענדן
מיט אַ כוח,
און עס קרעפּטיקט,
עס טרײַבט אין גאַנג
דורך פּלאַס, און דורך רויך —
אַזאַ אינעווייניק געזאַנג:
„מיר זײַנען דאָ, און װעלן זײַן", —
ווי פון בראשית אַמאָל, —
געענדערט האָט זיך נאָר די צאָל . . .

זי האָט צונויפגעפלאָכטן
אירע בליענדיקע יאָרן
אין אַ קראַנץ, —
און אים אַרום דײַן שטערן אַרומהאַנגען,
באַשוואָרן דיך:
„לעב, ברודער,
אויס דעם גאַנצן לעבן דײַנעם!"

:: :: ::

עס איז מיטן־נאַכט!
ווי קום איך אין דײַן געצעלט?
איך טראַכט:
פון וועמען טראַכט איך?
האָב איך אַ חלק אין דײַן וועלט?
און ס'קומט דער ענטפער אינעם פרעגן:
צי קלייבט דען עמיצער אויס די וועגן?
וואָס איז „חלק"? וואָס איז „וואָג"?
אַז מיט ליכט גייט אויף יעדער נייער טאָג . . .

איך נעם די ביכער
און איך בלעטער.
ס׳ווערט יעדער שורה אַ לייטער,
און איך קלעטער.
כ׳לייען לידער, און ס׳ווערט גרינג . . .
כ׳שלינג די שורות
און איך וואַנדער
מיט די דיכטער
אין אַ וועלט אַן אַנדער.
קליין און נעפּלדיק
ווערט דער טרויער,
נאָר די פרייד —
זי ווערט גערויער . . .

און עס נעמט שוין מערניט
לאַנג דאָס וואַרטן,
און עס טוט שוין מערניט
ווי דאָס טראַכטן . . . .
עס טאַנצן שוין די רגעס
מיט דעם גליק פון קומען, —
עס גליוווערט שוין
דאָס ערשטע וואָרט צום גומען . . .

און דער טיש,
דער שרייב־טיש דיינער,
ווערט שוין אייגן מיר,
ווי מיינער.
די בילדער, די פּאַפּירן,
און די בריוו,
וואָס אויף אים ליגן, —
שווייגן אוים דעם זעלבן ניגון.
ס׳איז דער אייביקער אַרכיוו:
דער זעלבער טרוים, —
דאָס אייגענע וואָרט
אין ניו־יאָרק,
ווי ערגעץ דאָרט . . .

ביסט געקומען

ביסט געקומען
און אָנגעצונדן
מיר דעם פרילינג
אין מיטן ווינטער!

ביסט געקומען —
און אויפגעוועקט מיך
פון פאַרפרוירענעם שווייגן
מיט די צווייגן . . .

ביסט געקומען —
ס'האָט דער שניי אַ שמייכל געטאָן, און זיך צעלאָזן.
דער פראָסט איז מיט געזאַנגען
זיך צעגאַנגען . . .

ביסט געקומען —
פון אַ ווייטן ראַנד.
ווי אַ לאַנג-צעשיידטער ברודער
אויפגעשטראַלט
אין ערשטן דרוק פון האַנט.

אַלע ימים, טייכן,
בריקן,
האָבן זיך גענומען גלייכן,
רוקן . . .
געבליבן איז דער איצטער
אַ צעבליצטער . . .

ביסט געקומען,
„ניט צום בלייבן" —
אַזוי האָסטו געטראַכט!
איצט זאָגט עדות
אַ לויטערע נאַכט:

דו וועסט בלייבן!
אין האַרץ,
און אין זכרון —
דורך די יאָרן,
דורך די יאָרן . . .

צו דער מיידל מיט די בלויע אויגן

זי איז שטיל און מילד
לעבן מיר געבליבן שטיין.
כ'האָב דערזען:
זי איז יונג, איז שיין,
און אינגאַנצן אומבאַקאַנט.
זי האָט צו מיר געשמייכלט,
און ווי אַן אַלטער פריינט
מיר דערציילט:
„איך בין פאַרקילט,
און היינט איז קאַלט און נאַס,
אַ שאָד —
כ'בין צו פרי אַרויס אין גאַס" . . .

אירע רייד
האָבן געהאַט דעם חן
פון שטילע ווייסע הענטלעך
וואָס באָדן זיך אַליין
אין זומער־טייך פאַרנאַכט.
נאָר אירע בלויע אויגן
האָבן געקוקט אַזוי פאַרטראַכט . . .
און ווען מיר זיינען אין דער באַן אַריין,
האָב איך שוין אירע רייד געשלונגען
ווי גוטן ווין.

זי האָט גערעדט פון זיך, פון אים, —
פוןביידן.
„ס'זעט אויס,
מיר וועלן זיך דאַרפן שיידן" . . .
דערווייל איז ער ווייט, —
און איך בין ניט געזונט,
ער וואַרט איך זאָל קומען.
עס טרייבט די זאָרג אַרום מיך
ווי אַ שטורעם־ווינט.
כ'בין פאַרכישופט אין אַ רינג,
ס'איז מיר ניט גרינג . . ."

אָ, ליכטיקע, פרעמדע,
ניט דיינע רייד
האָבן מיר אַ סך אַנטפּלעקט,
נאָר דער גרויער שלייער
איבער דיינע בלויע אויגן
האָט דערציילט שטילערהייט:
דו האָסט אים ליב, —
נאָר אַ כמאַרע האָט זיך אָנגערוקט
מיט שאָטן פון צעשייד . . .
איז דיר שווער צו טראָגן
דרייסיק יום־טובדיקע יאָר
קעגן וואָכעדיקער וואָר.
עס טוט דיר ווי דאָס האַרץ
צו זען דיין חלום ווערן שוואַרץ . . .

אָ, שיינע —
אומבאַקאַנטע מיידל,
דיינע טרויעריקע בלויע בליקן
האָבן דערמאָנט מיר
אָן צעשטערטע בריקן . . .
כ'האָב אַמאָל געזען בלויע אויגן,
טיף אין זיי אַריינגעקוקט,
טיף אין זיי אַריינגעגליט, —
ביז פון קאַלטער בלויקייט
כ'האָב זיך שטאַרק צעבריט . . .

**
*

אָ, שטן, האַלט מיר צו די הענט,
כ׳זאָל דעם שטריק ענגער ניט פאַרבינדן;
ס׳האָט שוין מער ווי איינמאָל מיין געצעלט געברענט,
און כ׳האָב געלאָשן עם מיט אייגענע וואונדן . . .

אָ, שטן, ניט לאָז מיין צונג מיט לעצטן וואָרט
אַלע אמתן באַצירן.
היט אויף אין מיר דאָס ווייטסטע אָרט
אָן פענצטער און אָן טירן!

אָ, שטן, פיר מיך ניט אויף קרומע שליאַכן,
ווען איך בין אויסגעשעפּט און מיד;
גיב מיר כוח צו דערוואַכן
איידער כ׳זינג דאָס לעצטע ליד . . .

די שפּיל פֿאַרלוירן . . .

כ׳האָב געשפּילט די שפּיל מיט קאָפּ און טאַקט,
דאָס האַרץ פֿאַרוקט, פֿאַרשריען.
כ׳האָב זיך געזאָגט: איך בין דער פֿאַקט, —
אין מיר אַליין איז די מניעה.

כ׳בין אַ העלד אין שלאַכט געגאַנגען,
טאָג און נאַכט געקעמפֿט — מיט זיך.
און אַז ס׳האָט מיין אויער אויפֿגעכאַפּט געזאַנגען,
האָב איך פֿאַרטויבט זיי מיט סאָלדאַטסקע שיך . . .

און אַז פֿון מיינע ברעמען האָט געוויכט דער שלאָף,
און די בענקעניש האָט גענאָגט,
האָב איך זיך אַליין, אַ מידע שאָף,
פֿון קילן ברונעם אַוועקגעיאָגט . . .

כ׳האָב געשפּילט די שפּיל — און זי פֿאַרלוירן,
מיט דערנער איז דער וועג צוריק.
איך זאָג עס דיר ניט מיט באַדויערן, —
נאָר ווייל פֿון פֿאַרלירן — שיכור כ׳בין פֿון גליק . . .

כ׳וויל . . .

כ׳וויל אַז קיינער זאָל אַצינד
ניט אָנרירן מיין טיר.
כ׳ציטער — ס׳זאָל דער ווינט
דיר ניט אַוועקרייסן פון מיר . . .

כ׳וויל מיין בלוט זאָל איצטער הערן,
ווי פּאַר פרייד דער פּולס בלייבט שטיל,
ווי ס׳טריקענען אוים די טרערן
אין בלויען שפּינוועבם פּונעם שפּיל.

בלוטיקער צווילינג

אונטער דיין אָטעם איך צעגיי,
ווי דער שניי אין פרילינג.
דו ביסט די וואונד — איך דער וויי;
ביידע — אַ בלוטיקער צווילינג!

מיט וויפיל קייטן?

מיט וויפיל קייטן דאַרף מען אַ האַרץ פאַרשמידן,
עס זאָל שטיל זיין און צופרידן?
מיט וויפיל קאַלטקייט דאַרף מען גיסן,
אַז אַ האַרץ זאָל „קלוג זיין” און שוין וויסן?

באַנג

עס יערט פאַרדראָס, ווי נייער ווײַן אין אַ פאַס.
וואָס מער איך טראַכט פון דיר — מער שוימט אויף דער כעס.
נאָר קוים דערהער איך פון דײַן שטים דעם מינדסטן קלאַנג, —
שטילט אײַן דאָס בלוט, און אויף דעם פאַרדראָס אין מיר —
טוט באַנג . . .

אין שפּיגל

און אַז כ׳קוק אין שפּיגל מיט די אויגן,
וועמען זע איך דאָרטן? — דיך.
נאָר ווײַל דאָס גלאָז איז מיט זילבער פאַרצויגן,
דערקאָן איך דאָרטן אויכעט זיך . . .

ביסט ניטאָ

ביסט ניטאָ לעבן מיר, ווען איך בין אויסגעשעפּט און מיד.
זעסט מיך קיינמאָל ניט — אַזאַ ווי איך בין.
און איך — פלעכט אַלץ אַריין אין יעדן זילב פון ליד
דיין נאָמען — און רוף עס זין!

ביז נעכטן

ביז נעכטן — האָט צו אים געאײַלט מיין טראָט.
ביז נעכטן — איז זיין וואָרט געווען געבאָט.
ביז נעכטן — האָט מיין פּיין געהאַט דעם זיסטן טעם, —
און היינט — דאָס מינדסטע טראַכטן וועגן אים — איז סם!

ליד

ס'ווייַנט אין דיר דאָס האַרץ, — און דו שרייַבסט אַ ליד.
וואָס איז דאָס אַזוינס, וואָס?
געוויין און געזאַנג אין יעדן גליד, —
טרינקסט אויס דעם ווייַן, און בענטשסט נאָך דעם כּוס . . .

מייַן וועלט

מייַן וועלט — איז מייַן היים, מייַן זאָרג און מייַן פרייד,
מייַן מי און פליכט, מייַן ברויט און מייַן קלייד.
מייַן וואָרט, מייַן גלויבן, מייַן ליבע און מייַן כּעס
אויף די, וואָס פאַרסמען דאָס לעבן מיט האַס.

נייעס

די גאַנצע נייעס אויסגעלייענט שוין פון די זייטן,
געמישט דעם בלאַט, ווי להבדל, אַ ספר, גוטע אידן.
אַ שטיק האָפענונג — וואָס האָט אַ בליץ געטאָן פון ווייטן, —
האָט דאָס בלייַ פאַרגליווערט ביי דעם זידן . . .

פון אַלע וואונטשן

פון אַלע וואונטשן איז איצט איין וואונטש גרעסער:
פון ליב האָבן, פיינט האָבן, אָדער בענטשן, —
איך וואָלט געוואָלט זיין אַצינד די שאַרף פון מעסער,
און די שנאה ביזן ביין — שניידן פונעם מענטשן!

ב י י ד ן

װער עס טראָגט די קרוין פון װאָרט,
און װער — דאָס גאָלד פון זיין געשפּאָט.
ביידן איז מסתּם באַשערט
צו זיין גערעכט . . .

אין אַלע בערג

אין אַלע בערג זע איך דיין געשטאַלט.
אַלע טייכן רוישן מיט דיין גערויש.
און װען דער טאָג אַ מידער צו דער נאַכט פאַלט —
פאַל איך מיט אים מיט — און רו אין דיין שויס . . .

ט י י כ ן

טייכן שטילע גלאַנצן,
זינגען אויף דער פלאַך.
מיט טויזנטער ניואַנסן
שװייגט אין זיי די שפּראַך . . .

אינהאַלט:

דאָס פאָלק איז דאָ! 3

ערב-גאולה-טעג

דער פרימאָרגן נאָכן זיג 7
ערב-גאולה-טעג 9
שטיל 10
ווי הייסט זי, די וועלט? 11
„אין ברירה" 12
די באַלאַדע פון עלף ישובים 14
איך האָב געטאַנצט 16
צום ווינט 18

אַרץ

מיין לאַנד 21
כאָטש נאָר אויף איין שעה 22
דער הימל אין ישראל 24
כנסת הראשונה 25
אַ וואונדערלעכער טאָג 26
אויפן וועג קיין ירושלים 28
צופוסנס דעם גלבוע 30
די יונגפרוי אין פעלד 32
פאַניע בערגשטיין 33
אין בית-שאן אויפן אידישן שליאַך 36
אין די בערג פון ישראל 38
זומערדיק 41
די באַלאַדע פון דרימלענדיקע שיפן 42
מיטן-נאָוועמבער אין ישראל 43
ביים ים 44
ליד 46
איך זע דעם חרמון 47
אין גליל העליון 48
כנרת 52
אשרתעלע 53
ער איז נאָר אַ גאַסט 54
ערגעץ אין אַ נייעם ישוב אין נגב 55
דאָס לאַנד 56

מחנה בית-ליד

פאַר מיין טרייסט-וואָרט אין די רייען 61
זייער וואָרט 63
די טריפנדיקע וואָר 64
אין דיין „יאָ" צי „ניין" 65
זיי ווילן דיך הערן . . . 66
מ'איז אים שולדיק אין הימל דעם ליכטיקסטן שטערן 67
כ'דאַנק דיר, גורל 69
זיי שטאַרק! 71
שולד-ליד 72

אייגענע און פרעמדע

מיין טאַטע 75
אין דיין צענדליק יאָר 77
העי, דו אינגל 78
עלעגיע צו מיין זון 79
צו אים, דעם חבר 81
דינה קאָפּשטיין 83
מיר האָבן זיך באַגעגנט 84
אַ גאַסט אויף יום-טוב 85
מיין ליד צו רחל קאָרן 87
צוויי לידער:
1. אַ לויב 90
2. אויפן וועג צוריק 92
גלויבן איז מיין פאַרמעגן 93
אויף יענער זייט בריק 96
די באַלאַדע פון מענטשלעכע געפעכטן 98
צו איר . . . 100
געוויין פון צניעותדיקע טעכטער 102
ווידער . . . 103
די עלנטקייט 104
וואו זענט איר גוטע פריינט? 105
דער ניט-גלויביקער 107
די פרוי מיטן הונט 108

ליבשאַפט

* * * האָסט קיין בריוו מיר ניט געשריבן 113
וואו? 114
ס'קאָן זיין 115
באַלאַדע וועגן שורות אכט 117
איך ריים דיך 118
מיידל פרעמדע 119
אַ פייער שפּיל 120
כ'האָב זיך געזאָגט 121
* * * כ'פאַרלאָז מיין היים 122
דאָ 123
גיב אים כוח 124
נאָך זיין אַוועקגיין . . . 125
צו דיר 126
* * * כ'האָב געוואָלט דיר זאָגן 127
די באַלאַדע פון קאַרגן וואָרט 128
ביי דער טיר 129
כ'דאַנק דיר, שטן 130
מאַכסט זיך נאַריש . . . 131
* * * כ'הער אַ שטים אין מיר 132
דער שפּאַציר 133
רייד 136
שטאָטישע וועלדער 138
עס יאָגט די באַן 139
צוויי וואַזאָנעס 140
אין דיין געצעלט 141
ביסט געקומען 145
צו דער מיידל מיט די בלויע אויגן 146
* * * אָ, שטן, האַלט מיר צו די הענט 148
די שפּיל פאַרלוירן . . . 149
כ'וויל . . . 150
בלוטיקער צווילינג 151
מיט וויפיל קייטן? 151
באַנג 152
אין שפּיגל 152
ביסט ניטאָ 153
ביז נעכטן 153
ליד 154
מיין וועלט 154
נייעס 155
פון אַלע וואונטשן 155
ביידן 156
אין אַלע בערג 156
טייכן 156